פערלאַג „די וועלט“.

רעליגיאָן
און
קלאַסען־געגענזאַטצען

פון

מ. טערמאַן.

פרייז 15 קאָפּ'.

ווארשא.
„פערלאַגס־דרוקעריי“. פּאַנסקאַ 20.
תרס"ו

401
HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

פערלאג „די וועלט“

עס ויינען ארויס פון דרוק:

1) ד. פינסקי—היינטיגע יונגע לייט (מאָנאָלאָג) . . פרייז 1 קאָפּ

2) ה. ד. נאָמבערג און ד. פינסקי—ערב יום כפור
מען וועקט . . . . „ 2 „

3) ד. פינסקי—די פאַמיליע צבי . . . . . „ 12 „

4) מ. דיקשטיין—פון וואָס איינער לעבט . . „ 5 „

5) מ. שיפּעל—די עקאָנאָמישע איבערקעהרנישען און
די ענטוויקלונג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע „ 5 „

6) לעווין—אין א פינסטערער נאַכט (ערצעהלונג) . „ 2 „

7) פ. יושקעוויטש—וועגען וואַהלרעכט . . . „ 7 „

8) **—דער קליינבירגערליכער סאָציאַליזמוס אויפ'ן יודי-
שען באָדען . . . . „ 4 „

9) ** — ערצעהלונגען אויס דער געשיכטע פון דער
ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע . „ 6 „

10) ק. קאַוטסקי—דאָס ערפורטער פּראָגראַם . . „ 30 „
„ „ „ „ אין 6 העפ-
טען, יעדעס העפט . . . . . „ 5 „

11) בעללאַמי—אין הונדערט יאָהר אַרום . . . „ 25 „

12) פ. לאַסאַל—רעכט און מאַכט. (דער עיקר פון א קאָנסט.) „ 6 „

13) „ די אַרבייטער און די געזעלשאַפטליכע
קלאַסען (דאָס אַרבייטער פּראָגראַם . . „ 8 „

14) פ. עזיס—צדקה (ערצעהלונג). . . . . „ 2 „

15) ק. קאַוטסקי—קאָנסום-פעראיינען . . . „ 6 „

מ. טערמאן.

רעליגיאן
און
קלאססען־געגענזאטצען

פערלאג „די וועלט".

„פערלאגס-דרוקעריי , ווארשא, פאנסקא 20.

תרס"ו.

РЕЛИГЮНЪ УНЪ КЛАСЕНЪ ГЕГЕНЗАТЦЕНЪ, т. е. Религія и классовые противорѣчія

„Издательская Типографія", Варшава, Панская № 20.

1906.

Дозволено Ценцурою. Варшава, 7 Февраля 1906 г.

אַ קליינע הקדמה.

די פראַגע וועגען רעליגיאָן קאָן זיין איינגעטיילט אין דריי הויפּט־פּונקטען: 1) די אינעווייניגסטע קריטיק פון רע־ליגיאָן, ד. ה. די פראַגע, צי איז פעראַהאַן אַ גאָט אויף דער וועלט? וואָס איז אַזוינס גאָט? וואָס איז דעם מענשענס נשמה? וואָס איז אונ־שטערבליכקייט? א. ז. וו. 2) די ראָלע פון דער רעליגיאָן אין דער מענשליכער קולטור, ד. ה. דער נוצען און דער שאָדען, וואָס די רעליגיאָן האָט געבראַכט דער מענשהייט אין פער־לויף פון איהר היסטאָרישער ענטוויקלונג, און 3) וואָס איז אַזוינס רעליגיאָן בכלל, ד. ה. ווי דאַרפען מיר אויף איהר קוקען און ווי דאַרפען מיר זיך בעציהען צו איהר.

די טהעמאַ פון דער דאָזיגער בראָשורע איז נאָר דער דריי־טער פונקט אין דער רעליגיאָן־פראַגע, ד. ה. ווי דאַרפען מיר בע־טראַכטען די רעליגיאָן און ווי דאַרפען מיר זיך צו איהר בעציהען.

אַז די רעליגיאָן אין איהר הויפּט־אינהאַלט, ד. ה. די אי־דעע וועגען גאָט, וועגען „יענער וועלט“, וועגען גיהנום און גן־עדן א. ז. וו. איז מעהר ניט ווי אַ טונקעלע פאַנטאַזיע פון דעם אונווי־סענדען מענשען, וועלכער טרייסט זיך מיט זאַכען, וואָס ער אַליין האָט אויסגעקלערט — דאָס איז אַ פאַקט, וועלכער איז בעוואוסט יעדען מעהר אָדער ווייניגער דענקענדען מענשען. נאָך מעהר ווי מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק האָט געזאָגט דער גריכישער פילאָ־זאָף קסענאָפאַן: „די נעגערס בוקען זיך צו שוואַרצע געטער מיט פלאַטשיגע נעזער און די געטער פון די פראַקיער זענען מיט בלאָע אויגען און בלאָנדע האָר. אויב די פייגלען האָבען אויך געטער, דאַן זענען זייערע געטער געוויס מיט פליגלען, און דער גאָט פון פערד איז געוויס אויף פיער פיס“...

די דאָזיגע בראָשורע האָט אויך ניט צו טהון מיט דער פראַ־גע וועגען דער ראָלע, וואָס די רעליגיאָן האָט געשפּיעלט אין היס־טאָרישען לעבען פון דער מענשהייט. די רעליגיאָן איז אַ היסטאָ־

רישע ווירקליכקייט און ווי יעדע ווירקליכקייט האָט זי אי גוטע אי שלעכטע זייטען; אין געוויסע פּרטים איז זי געווען אַ נויטיגע טרייב-קראַפט אין דעם מענשליכען פּראָגרעס און האָט פיעל געהאָלפען דער מענשליכער ענטוויקלונג, און אין אַנדערע פּרטים האָט זי, פערקעהרט, געבראַכט פיעל שאָדען דער מענשהייט און איז געווען די סבה פון פיעל צרות און יסורים, וואָס די מענשהייט איז אויסגעשטאַנען. דער אמת'ער וויסענשאַפטליכער שטאַנדפּונקט פון היינטיגער צייט בעשטעהט אין דעם, אַז קיין עקסיסטירענדע אידעע און קיין געזעלשאַפטליכע איינאָרדנונג איז ערשטענס נישט קיין עביגע זאַך, נאָר אין אַ געוויסע צייט ווערט זי געבאָרען און אין אַ געוויסע צייט מוז זי אָבשטאַרבען, און צווייטענס איז זי שטענדיג ניט אַבסאָלוט גוט און ניט אַבסאָלוט שלעכט, נאָר זי איז גוט, ווען זי איז צוגעפּאַסט צו די געזעלשאַפטליכע פערהעלטניסען, און זי ווערט שלעכט, ווען זי הערט אויף צוצופּאַסען, — און אַזוי ווי מיט יעדער עקסיסטירענדער אידעע און געזעלשאַפטליכער איינאָרדנונג, אַזוי קומט אויך פאָר מיט דער רעליגיאָן.

די טהעמאַ פון דער דאָזיגער בראָשורע איז — ווי ס'איז שוין געזאָגט — די פראַגע: וואָס איז אַזוינס רעליגיאָן, ווי האַלט עס מיט איהר אין היינטיגער צייט און ווי דאַרפען מיר, סאָציאַל-דעמאָקראַטען, זיך בעציהען צו איהר.

I.

רעליגיאָן אויפ'ן פּאַפּיר און רעליגיאָן אין דער ווירקליכקייט.

וואָס איז אַזוינס רעליגיאָן? אין דער געוועהנליכער שפּראַך איז פערהאַן זעהר פיעל ווערטער, וועלכע ווערען געברויכט אין פערשיעדענעם זין און אין וועלכע יעדער לעגט אַריין זיין בעזונדערע מיינונג, נאָר קיין וואָרט האָט ניט אין זיך אַזוי פיעל בעדייטונגען און ערקלערונגען, וועלכע ווידערשפּרעכען איינע די אַנדערע, ווי דאָס וואָרט „רעליגיאָן". ד"ר *ליוטגענאַו*, אין זיין בוך „נאַטירליכע און סאָציאַלע רעליגיאָן", זאָגט, אַז ער האָט צוזאַמענגעקליבען מעהר ווי 100 פערשיעדענע ערקלערונגען פון דעם וואָרט רעליגיאָן, וואו איין ערקלערונג איז פונקט דער קאָנטראַסט פון דער אַנדערער. אַלס ביישפּיעל וועלען מיר נעהמען עטליכע פון אַזעלכע ערקלערונגען. *קאַנט* זאָגט, אַז רעליגיאָן איז *זיטליכקייט*, ד. ה. *די פּראַקטישע אויפפיהרונג פון מענשען*. קיין אַנדערן אינהאַלט אויסער די פּראַקטישע זיטליכקייט איז נאָך *קאַנט*'ס מיינונג אין דער רעליגיאָן ניטאָ, ווייל אונזער קלאָרער, לאָגישער געדאַנק מוז אָבלייקענען אַלע ראַיות, וועלכע זוכען צו בעווייזען, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, אַ „יענע וועלט" א. ז. וו. אָט דעריבער איז די רעליגיאָן, נאָך *קאַנט*'ס מיינונג, מעהר ניט ווי אַ זאַך פון *האַרץ*, אָבער ניט קיין זאַך פון *קאָפּ*. *פיכטע* זאָגט פונקט פערקעהרט: די רעליגיאָן האָט גאָרנישט צו טהון מיט קיין שום פּראַקטישע זיטליכקייט, וועלכע איז פאַר איהר קליין און נישט ווירדיג, נאָר זי האָט דוקא צו טהון מיט דעם מענשענס שכל און פערשטאַנד, ווייל איהר אויפגאַבע איז צו געבען אַן ענטפער אויף די העכסטע פראַגען פון דער וועלט און פון לעבען. דעריבער — זאָגט *פיכטע* — איז די רעליגיאָן ניט די זאַך פון *האַרץ*, נאָר פערקעהרט, די זאַך פון *קאָפּ*. *שלייערמאַכער* זאָגט, אַז

דער אמת'ער אינהאַלט פון רעליגיאָן — דאָס איז דער געפיהל פון אונענדליכע אָבהענגיגקייט, און העגעל זאָגט, פערקעהרט: דער אמת'ער אינהאַלט פון רעליגיאָן — דאָס איז דער געפיהל פון אַבסאָלוטער פרייהייט.

די דאָזיגע פיער ערקלערונגען בעווייזען אונז, אַז האָטש קאַנט, פיכטע, שלייערמאַכער און העגעל וויעדערשפּרעכען איינע די אַנדערע אין זייערע ערקלערונגען וועגען דעם וויכטיגען אינהאַלט פון רעליגיאָן, דאָך קוקען אַלע אויף איהר פון איין שטאַנדפּונקט און מיינען, אַז זי איז ניט נאָר נויטיג דעם מענשען, נאָר זי דאַרף איהם זיין זעהר הייליג און טייער, ווייל זי איז דער איינציגער קוואַל פון זיינע בעסטע געדאַנקען אָדער געפיהלען. עס זענען דאָ אָבער אַנדערע דענקער, וועלכע קוקען אויף דער רעליגיאָן פון אַנ'אַנדערען שטאַנדפּונקט. פייערבאַך זאָגט: די רעליגיאָן — דאָס איז דער מענשליכער אונגליק. די קראַנקע, פערראומערטע הערצער פון דער מענשהייט, די צרות און יסורים פון דער וועלט — אָט דאָס איז דער קוואַל און אינהאַלט פון יעדער רעליגיאָן. דער קולטור־היסטאָריקער קאָלב זאָגט: די רעליגיאָן איז די טאָכטער פון נאַרישקייט און אונוויסענהייט, אָבער אין דער זעלבער צייט איז זי די מוטער פון דער ערגסטער עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג. און נאָך דיעזע ערקלערונגען קומט אויס, אַז ניט נאָר דער מענש דאַרף ניט פערהייליגען די רעליגיאָן און ניט נאָר ער דאַרף זי ניט האַלטען טייער, נאָר, פערקעהרט, ער דאַרף זי פערהאַסען און זעהן וואָס גיכער פּטור צו ווערען פון איהר.

פון וואַנען נעהמען זיך אַזעלכע צוויי פערשידענע, גאַנץ וויעדערשפּרעכענדע שטאַנדפּונקטען אויף דער רעליגיאָן? פאַרוואָס קוקען אויף איהר אַ טהייל דענקער ווי אויף אַ טייערע זאַך, וועלכע ברענגט דער מענשהייט גליק, און אַנדערע דענקער — ווי אויף אַנ'ערגסטע זאַך, וועלכע ברענגט דער מענשהייט אונגליק?

דער תירוץ איז — ווייל די רעליגיאָן פון יעדען ציוויליזירטען פאָלק איז צוויי־זייטיג, וואָס איין זייט איז פּונקט דער קאָנטראַסט פון דער אַנדערער. יעדעס פאָלק האָט איינענטליך צוויי רעליגיאָנען: אַ רעליגיאָן אויפ'ן פּאַפּיער און אַ רעליגיאָן אין דער ווירקליכקייט. די רעליגיעזע אידעען, וועלכע זענען פערצייכענט אין די הייליגע ביכער פון דעם אָדער יענעם פאָלק זענען גאָר ניט ענהנליך צו די רעליגיעזע אידעען, וועלכע הערשען

אין די זעלבּיגע פאָלקס־מאַסען, וועלכע קושען מיט אַ רעליגיעזען געפיהל זייערע הייליגע ביכער. אָט דערפון שטאַמט דער ווידערשפרוך צווישען פערשידענע דענקער אין זייער בליק אויף דער רעליגיאָן: איינינע בעטראַכטען איהר, ווי זי איז פערצייכענט אין די הייליגע ביכער, און אַנדערע, פערקעהרט, קוקען אויף איהר, ווי זי ווערט פראַקטיקירט אין דער ווירקליכקייט.

ביישפּיעלען צו בעגרינדען די דאָזיגע מיינונג, ד. ה. אַז יעדע רעליגיאָן איז צוויי־זייטיג, קאָן מען נעהמען פון דער רעליגיאָן פון יעדעס פאָלק; ווער ווייסט דען ניט, ווי ווייט זענען די הויכע רעליגיעזע אידעען פון די אידישע נביאים, וועלכע האָבען געלעבט נאָך מיט צוויי־דריי טויזענד יאָהר צוריק, פון די אַלע רעליגיעזע נאַרישקייטען און אַבערגלויבונגען, וועלכע הערשען נאָך היינט אין די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסען? אָדער ווער ווייסט דען ניט פון דעם טיפען ווידערשפרוך צווישען די רעליגיעזע אידעען פון עוואַנגעלישען קריסטענטום און די רעליגיעזע אידעען פון די קריסטליכע פאָלקס־מאַסען? נאָר אַ האַראַקטעריסטישען ביישפּיעל פון דער דאָזיגער צוויי־זייטיגקייט בעווייזט אונז די רעליגיאָן פון אינדיען, וועלכע דיענט אַלס אַ מוסטער פאַר אַלע רעליגיאָנען פון די ציוויליזירטע פעלקער, און אויף איהר ווען מיר זיך עטוואָס אָבשטעלען.

דער בעריהמטער שפּראַך־ און רעליגיאָן־פאָרשער מאַקס מיללער בעשרייבט אַזוי דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער אינדישער רעליגיאָן:

נאָך מיט פיעלע טויזענד יאָהר צוריק, גאָר ביי'ם אָנהויב פון דער מענשליכער היסטאָריע, האָט דאָס אינדישע פאָלק געגלויבט אין געטער, אָבער זיינע געטער אין די אוראַלטע צייטען זענען ניט געווען קיין „פעטישען“, ד. ה. אייפאַכע ביינער, שטיינער און שטעקער האָלץ. פערקעהרט, דער אוראַלטער אינדיאַנער פלעגט זיך ווענדען מיט זיינע תפלות און קרבנות צו אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען געווען גרויס און מעכטיג אין זיינע אויגען: צו די מורא'דיגע הימאַלאַישע בערג, וועלכע גלענצען אויף דער זון מיט זייערע עביגע שנעען, צו די טייכען גאַנגעס און אינד, וועלכע ציהען זיך אין אינדיען אויף אַ שטרעקע פון עטליכע טויזענד ווערסט, און צו דעם אונגעהויער ברייטען אָקעאַן, וועלכער ציהט זיך אַוועק מיט זיין גלאַטען פלאַך וואַסער ביז אין די אונענדליכקייט. אָט דאָס זענען געווען די ערשטע געטער פון דעם אוראַלטען אינדישען פאָלק, ווען ער

איז נאָך געוועזן יונג, פריש, גליקליך און האָט געקוקט אויף דער וועלט ניט מיט אַ פילאָזאָפישען, נאָר מיט אַ פּאָעטישען בליק.

נאָר שפּעטער, אין דעם פערלויף פון הונדערטער יאָהרען, האָט זיך דער רעליגיעזער געדאַנק אין א י נ ד י ע ן אַלץ מעהר געענדערט, און די אינדיאַנער האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען פערלאָזען זייערע ג ר ײ ס ב אַ ר ע געטער, אויפגעהערט אויסצוגיסען זייערע רעליגיעזע געפיהלען פאַר די בערג, טייכען און ימים, און האָבען אָנגעהויבען פערגעטערען אַזעלכע ערשיינונגען אין דער נאַטור, וועלכע ערפילען דאָס האַרץ מיט נאָך אַ טיעפערען און שטאַרקערען רעליגיעזען געפיהל. אויף דער סצענע זענען אַרויס נייע געטער: „ו ו אַ ר ו נ אַ“ — די טיעפע, אונענדליכע בלאָהקייט פון הימעל; „מ י ט ראַ“ — דער העלער שיין פון דער זון; „אַ ג נ י“ — דאָס פייער פון בליץ; „א י נ ד ר אַ“ — דער גוטער, דערפרישענדער רעגען, א. ז. וו. בעשאַפענדיג זיך אַזעלכע אייבערשטע געטער, איז אָבער דאָס אינדישעס פאָלק ניט אַריין אין דעם, ווי מען רופט עס, „פּאָליטעאיזם“, אַזוי ווי די גריכען און רוימער. דער „פּאָליטעאיזם“ איז אַזאַ מין רעליגיאָן, וואו דער גלויביגער שטעלט זיך פאָר אַ גאַנצע דעספּאָטישע מלוכה פון געטער און וואו איין גאָט איז מעכטיגער און דעספּאָטישער פון די אַנדערע. די אינדיאַנער, פערקעהרט, האָבען געהאַלטען אַלע געטער גלייך און פלעגען יעדען טאָג זינגען אין זייערע תפלות: „צווישען אייך, אָ, הייליגע געטער, איז ניטאָ קיין גרויסע און קליינע; ניטאָ קיין אַלטע און יונגע, נאָר איהר אַלע זייט באמת גרויס און מעכטיג!“

נאָר דער רעליגיעזער געדאַנק האָט זיך אין א י נ ד י ע ן אויף דערויף אויך ניט אָבגעשטעלט, און איבערהיפּענדיג אַ פאָר צעהנדליג יאָהר־הונדערטער, געהען מיר אַריין אין אַ נייעם משך, אין משך פון א ו נ ג ל ו י ב י ג ק ײ ט און טיעפען פעסימיזם. די אינדישע הייליגע ביכער פון דעם דאָזיגען משך רעדען שוין מיט אַנ׳אַנדערער שטימע, מיט אַ שטימע פון ספק און אונגלויביגקייט. „עס איז ניט דאָ קיין א י נ ד ר אַ, ניטאָ קיין מ י ט ר אַ, ניטאָ קיין ו ו אַ ר ו נ אַ; ווער האָט זיי געזעהן?“ — אַזעלכע אויסדריקען בעגעגענט מען גאַנץ אָפט אין די הייליגע שריפטען פון יענער צייט.

איז אָבער דער אינדיאַנער דורך אַזאַ ספק און אונגלויבען דערגאַנגען צום „אַטעאיזם“, ד. ה. אָבצולייקענען די עקסיסטענץ פון אַ וועלכען עס איז גאָט? — ניין, זאָגט מ אַ ק ס מ י ל ל ע ר, דער טיעפער רעליגיעזער געפיהל פון די הימנען (שירים) און תפלות בע־

ווײַזען, אַז דאָס אינדישע פאָלק האָט אָנגעהויבען אָבצוליקענען זײַנע פריהערינע געטער, כּדי צו געפינען נאָך אַ העכערע גאָטהײַט, וועלכע זאָל מיט זיך פערקערפערען ניט די אָדער יענע ערשײַנונג פון דער נאַטור, נאָר וואָס זאָל ווירקליך אין זיך ענטהאַלטען די גאַנצע נאַטור מיט אַלע איהרע ערשײַנונגען. און די דאָזיגע העכסטע גאָטהײַט האָט דאָס אינדישע פאָלק דערקענט אין „בּראַהמאַ“, אין דער אַבּסאָלוטער אונענדליכקײַט, אין דעם עבּיגען דענקער. „בּראַהמאַ“ איז, נאָך דער פאָרשטעלונג פון די אינדיאַנער, אַנ'אונבּעגרײַפליכער וועזען, אײַנגעוויקעלט אין אַ טיפען סוד. דאָס אינדישע פאָלק האָט אַלזאָ געפונען אַ נײַעס גאָט, און אין דעם דאָזיגען „בּראַהמאַ“, אין דער דאָזיגער פערגעטערונג פון דער אונענדליכקײַט, זענען ניט נאָר אַלע פריהעריגע געטער אָבּגעשטאָרבּען, נאָר אויך אַלע תּפלות און אַלע קרבּנות זענען געוואָרען איבּריג און אונניצליך: די אײנציגע גאָטס־דינסט, וועלכע איז פּאַסיג פאַר „בּראַהמאַ“, איז אָבּשײדען זיך פון דער וועלט, ניט קימערן זיך מיט קײן זאַך, וואָס עס קומט פאָר אין לעבּען, און טיעף אַרײַנלאָזען זיך אין „זיך אַלײן“, ד. ה. אין אַ טיפען דענקען און אין אַ שטענדיגע שטרעבּונג צו דער אונענדליכקײַט.

אָט אַזוי איז געגאַנגען אין אַלגעמײן די ענטוויקלונג פון דער רעליגיאָן אין אינדיען, לויט די בּעשרײַבּונג פון מאַקס מילער, און מענזיס האַראַקטעריזירט אין זײַן „געשיכטע פון רעליגיאָן“ די פערצײַטיגע אינדישע רעליגיאָן מיט פאָלגענדע ווערטער: „דאָס איז אַ רעליגיאָן, וועלכע איז פרעמד פון אַלץ, וואָס ס'איז קלײן און נידעריג. אין די הײליגע בּיכער פון דער דאָזיגער רעליגיאָן איז ניטאָ קײן ווילדע מעשׂות און משונה'דיגע אויסטראַכטונגען. דאָ איז ניטאָ קײן כּישוף, קײן מלאַכי־הַבּלה, קײן פינסטערער גיהנום, קײן שוואַרצע דעמאָנען און בּייזע גײַסטער. די גאַנצע רעליגיאָן איז אַ ליכטיגע, אַ ליעבּליכע און לעבּעדיגע, און דאָס בּעווײַזט, אַז דאָס פאָלק, וועלכעס האָט זיך בּעשאַפען אַזאַ רעליגיאָן, איז געוועזען פריש, שטאַרק און גליקליך“.

אַזוי ווײַזט אויס די אינדישע רעליגיאָן, ווען מען שטודירט זי נאָך די הײליגע בּיכער פון אינדיען. אָבּער אָט די זעלבּיגע רעליגיאָן בּעקומט גאָר אַנ'אַנדער פּנים, ווען מען דערלערנט איהר נאָך די פאַקטען, וועלכע ווערען פּראַקטיקירט אין דער ווירקליכקײַט. דער קולטור־היסטאָריקער גראַנט בּעשרײַבּט אַזוי די רעליגיאָן פון אינדישען פאָלק: „יעדע משפּחה, יעדע פאַמיליע האָט

געהאַט איהר אייגענעם גאָט, צו וועלכען זי פלעגט עטליכע מאָל אין טאָג מקריב זיין קרבנות. דער גאָט פון אַ סך שבטים איז געוועזען געקאָכטע ריַיז, צו וועלכען מען פלעגט מקריב זיין קרבנות און זינגען תפלות. ביי אַנדערע שבטים און שטאַמען זענען די געטער געוועזען „פעטישען" — ביינער, שטיינער און שטיקער האָלץ. אין אינדיען פלעגט מען איבערהויפט פערגעטערען היות און בהמות, און דער שלאַנג האָט זיך גערעכענט פאַר אַ גרויזאַמען, בעזען גאָט, וועלכער פאָדערט מענשליכע קרבנות. בהמה'ישע מיסט האָט זיך גערעכענט פאַר הייליג, און אין די טעמפלען אין דער צייט פון דער „עבודה" פלעגט מען אָנטראָגען פיעל בהמה'ישע מיסט".

ליפפערט ברענגט בעשרייבונגען פון פיעלע היסטאָריקער, וועלכע זאָגען, אַז די אינדישע בעפעלקערונג האָט דער עיקר געדיענט צו שלעכטע און בלוט־דאָרשטיגע געטער, און נאָך דעם אַלגעמיינעם גלויבען איז די גאַנצע נאַטור עביג פול מיט בעזע רוחות וועלכע פאָדערען מענשליך בלוט. דורכשניטליך פלעגט מען יעדעס יאָהר פערברענגען טויזענד מענשליכע קרבנות.

די כהנים און פריסטער פלעגען שרעקליך בעראַבעווען דאָס פאָלק. פאַר יעדען קרבן פלעגט מען דאַרפען אָבצאָהלען דעם כהן פיעל מעהר, איידער דער קרבן אַליין איז ווערט געוועזען. נאָך די געזעצען פון די הייליגע ביכער פלעגט מען, צ. ב. ש., פאַר אַ דאַנק־אָפּפער דאַרפען בעצאָהלען דעם כהן 5 גאָלד־שטיקער, 5 רינדער און 5 שטיקער געוואַנד. ליפפערט ברענגט היסטאָרישע פאַקטען, ווען מען פלעגט די כהנים בעצאָהלען מיט אַמאָל פון 4,000 ביז 60,000 רינדער און פון 500 ביז 40 טויזענד פערד.

דאָס גאַנצע סיסטעם פון דער שפּעטערדיגער אינדישער רעליגיאָן, די צייט פון „בראַהמאַניזם", איז געווען געגרינדעט אויף דעם גלויבען אין „גלגול־הנפש". די הייליגע בראַהמינען, ד. ה. די פריסטער פון „בראַהמאַ" האָבען געלערנט, אַז דעם מענשענס נשמה בלייבט נאָכ'ן טויט אַריבער צו'ם גרויסען גאָט „בראַהמאַ", נאָר אַז דער מענש האָט פאַר'ן לעבען געבראַכט וועניג קרבנות, דאַן קאָן זיך זיין נשמה ניט האַלטען אַרום „בראַהמאַ", נאָר זי ווערט ווידער אַראָבגעשליידערט אויף דער ערד און ווערט מגולגל אין אַ הונד, אַ הזיר אָדער אַ שלאַנג. עס פערשטעהט זיך, אַז קיינעם האָט זיך ניט געוואָלט, אַז זיין נשמה זאָל האַבען אַזאַ מאוס'ען פסק, און יעדער פלעגט אַוועקגעבען די בראַהמינען פון דאָס לעצטע, וואָס ער

האָט געהאַט, און אין קיין לאַנד איז דער פּריסטער־קלאַס ניט געווען אַזוי רייך און מעכטיג, ווי אין אינדיען.

וועֶר איז אַלזאָ גערעכט אין דער בעשרייבונג פון דער אינ־דישער רעליגיאָן — מאַקס מיללער, אָדער די קולטור־היסטאָ־ריקער?

אויף דערויף דאַרף מען ענטפערן, אַז ביידע זענען גע־רעכט. דער אונטערשיעד צווישען זיי בעשטעהט נאָר אין דעם, וואָס איינער האַראַקטעריזירט די אינדישע רעליגיאָן נאָך די הייליגע ביכער פון אינדיען, און די אַנדערע האַראַקטעריזירען איהר נאָך די רעליגיעזע אידעען, וועלכע הערשען צווישען די אינדישע פאָלקס־מאַסען.

פאַרוואָס אָבער זענען די רעליגיאָנען פון די ציוויליזירטע פעלקער צוויי־זייטיג? פון וואַנען נעהמט זיך דער ווידערשפרוך צווי־שען רעליגיאָן אויפ׳ן פּאַפּיער און רעליגיאָן אין דער ווירק־ליכקייט? צי איז דער דאָזיגער פאַקט האַראַקטעריסטיש פאַר יע־דער רעליגיאָן בכלל און יעדער רעליגיעזער מענש מוז דענקען און רעדען פונקט פערקעהרט ווי ער טהוט אין דער ווירקליכקייט — אָדער דער דאָזיגער פאַקט איז האַראַקטעריסטיש נאָר פאַר געווי־סע רעליגיאָנען און איז אַרויסגערופען דורך אַנדערע, זייטיגע אור־זאַכען?

אַז דיזע צווייזייטיגקייט פון דער רעליגיאָן איז ניט האַראַקטע־ריסטיש פאַר יעדער רעליגיאָן בכלל ווייסען מיר פון דעם פאַקט, וואָס ביי די ניט ציוויליזירטע און באַרבאַרישע פעלקער עקסיסטירט ניט קיין ווידערשפרוך אין זייער רעליגיאָן, און זייערע רעליגיעזע אידעען זענען פונקט צוגעפּאַסט צו זייער ווירקליכען לעבען, ד. ה. ווי זיי דענקען אַזוי טהוען זיי. דעריבער מוזען מיר זאָגען, אַז די אורזאַכע פון דיזען ווידערשפרוך אין די רעליגיאָנען פון די ציוויליזירטע פעלקער איז ניט קיין אינעווייניגסטע, ניט שייך צו דער רעליגיאָן גופא, נאָר אַ אויסען־ווייניגסטע, אַ היסטאָרישע און סאָציאַל־פּאָליטישע.

כדי גענויער צו ערקלערען דיזע מיינונג, מוזען מיר זיך קודם כל אָבשטעלען אויף דער פראַגע—ווי ענשטעהט אַ רעליגיאָן בכלל און ווי ענטוויקעלט זי זיך אויף די ערשטע מדרגות.

די רעליגיאָן איז איינע פון די עלטסטע אידעען, וועלכע ענטשטעהט נאָך גאָר אין די גרעדיכטע פינסטערקייט פון פאַרהיסטאָ־

רישען מענשליכען לעבען, אין דער צייט ווען דער פארצייטיגער מענש האט זיך געפונען נאך גאר אין ווילדען צושטאנד. קיין דירעקטע בעווייזונגען, ווי אזוי דער פערצייטיגער מענש האט געלעבט אין דיזען פינסטערען משך, ווי ער האט געדענקט און ווי ער האט געטראכט, איז ביי אונז ניטא, און דעריבער איז ניטא קיין זיכערע ראיות, וועלכע זאלען בעווייזען, אז די רעליגיאן איז ענטשטאנען דוקא אויף אזא אופן און ניט אויף אנ'אנדער ארט. אין דער וויסענשאפט זענען דא עטליכע היפאטעזען (סברות) וועגען דער ענטשטעהונג פון רעליגיאן, צווישען וועלכע די היפאטעזע פון הערבערט ספענסער איז — ווי עס דוכט זיך — מעהר וויסענשאפטליך בעגרינדעט און איז נעהענטער צום אמת.

ספענסער שטעלט זיך אב אויף דעם פאקט, אז די רעליגיאן פון אלע ווילדע שבטים און בארבארישע פעלקער, פון וועלכע מיר האבען נאר א בעגריף, בעשטעהט דער עיקר אין דעם, וואס יעדע פאמיליע, יעדע משפחה האט זיך איהר אלטאר, איהר מזבח, אויף וועלכען מען איז מקריב קרבנות און מען ווענדט זיך מיט תפלות און געבעט צו די לאנג אבגעשטארבענע זיידעס און עלטער-זיידעס. פון דיזען פאקט דרינגט ספענסער, אז אומעטום, וואו נאר די רעליגיאן האט זיך געפונען אויף די ערשטע מדרגות פון איהר ענטוויקלונג, איז זי דער עיקר בעשטאנען אין דער פארגעטערונג פון די „געשטארבענע עלטערען". פאר וואס און אויף וועלכען אופן איז געקומען די פערצייטיגע ווילדע מענשהייט צו אזא ארט רעליגיאן ערקלערט ספענסער אזוי:

אז דער אונוויסענדער ווילדער מענש, וועלכער ליידט אייביג הונגער און קעלט און איז פאלקאם שוטצלאז, קען זיך ניט ארומטראגען מיט פאעטישע פאנטאזיעס און מיט א ענטציקונג פון די שיינקייט, פראכט און הארמאניע וואס הערשט אין דער נאטור, אז ער קען זיך ניט אריינלאזען אין טיפען דענקען וועגען דער אורזאכע פון אלע אורזאכען און וועגען דער צוועקמעסיגקייט פון אלגעמיינעם לעבען,—דאס קען יעדערער גרינג פערשטעהען. דעריבער ווען דער פארצייטיגער ווילדער מענש האט זיך בעשאפען א רעליגיאן, ד. ה. א גלויבען אין די עקסיסטענץ פון גייסטיגע וועזענס, וועלכע ער קען ניט זעהען מיט די אויגען, איז דיזער גלויבען ביי איהם ענטשטאנען ניט פון פאעטישע ענטציקונג און ניט פון פילאזאפישע חקירות, נאר פון א גאנץ איינפאכערע און פשוט'ערע זאך.

דעם ווילדען קענען קימערען נאר אזעלכע געהיימניסען אין

דער נאַטור, מיט וועלכע ער בּעגעגענט זיך גאַנץ אָפּט און וועלכע ער מוז זיך אַזוי אָדער אַנדערש ערקלערען. איינער פון אַזעלכע סודות וועלכע מאַכען ערשטוינט דעם ווילדען מענשען, איז דער טוידט. ער זעהט ווי זיין בּעסטער הבר, וועלכער איז דאָ ניט לאַנג געווען פריש און מונטער, געגאַנגען און געלאָפען גלייך מיט איהם, ליגט איצט אונבּעוועגט, אָהן אַ קעהר און אָהן אַ ריהר, האָטש ער איז געבּליבּען דער זעלבּיגער פונקט ווי פריהער. אין אַ פּאָר טעג אַרום בּעמערקט ער ווי דער זעלבּער הבר הייבּט אָן צו פוילען, פערלירט די הויט און פליייש, און פון איהם ווערט גאָר נישט. אָט דעם וואונדערליכען פאַקט האָט דער פּאַרצייטיגער מענש ניט געקענט ניט בּעמערקען און האָט איהם זיך געמוזט אַזוי אָדער אַנדערש ערקלערען.

ווי־זשע ערקלערט זיך דער ווילדער דיזען פאַקט?

ער האָט געזעהען ווי ער און זיינע הברים, ווען זיי זיצען, ווען זיי געהען און ווען זיי לויפען, וואַרפען זיי שטענדיג אָב פון זיך אַ שאָטען וואָס איז אַזוינס דער שאָטען—דאָס ווייס ער ניט, נאָר ער זעהט, אַז דאָס איז זעהר אַ דינע און פלינקע זאַך, ווייל ער קען דאָס מיט די הענד קיין מאָל ניט האַפען, און וואוהין ער זאָל זיך ניט קעהרען, קען ער קיין מאָל פון שאָטען ניט אַנטלויפען.

אָפּט טרעפט זיך, אַז דער זעלבּיגער מענש ליגט צווישען אַ קאָמפּאַניע הברים און ווערט אַנטשלאָפען. איהם הלומ'ט זיך, צום בּיישפּיעל, אַז ער שווימט אין טייך מיט נאָך אַ הבר און זיי האָבּען אָנגעהאַפּט אַ סך פיש צו מאַכען זיך אַ גוטען מיטאָג. ער האַפּט זיך אויף און דערצעהלט זיינע הברים פון דעם גליק וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, נאָר זיינע הברים קוקען אויף איהם פערוואונדערט און דערצעהלען איהם, אַז אין דיזער צייט איז ער גאָר דאָ געלעגען און געשלאָפען, און יענער הבר, מיט וועלכען ער האָט געהאַפּט פיש, איז שוין גאָר לאַנג טוידט און לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ.

וועגען הלום האָט דער ווילדער מענש פונקט אַזאַ בּעגריף ווי וועגען שאָטען, און ער מיינט, אַז דאָס וואָס איהם האָט זיך גע'הלומ'ט איז טאַקי פאָרגעקומען אין דער ווירקליכקייט, אָבּער ניט מיט איהם גופא, נאָר מיט זיין שאָטען, ד. ה. אין דער צייט ווען ער האָט דאָ געשלאָפען, איז זיין שאָטען פון איהם אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך בּעגעגענט מיט דעם שאָטען פון געשטאָרבּענעם הבר און זיי צוזאַמען האָבּען זיך טאַקי געבּאָדען אין טייך און אָנגעהאַפּט פיש. דאָס וואָס ער איז דאָ געלעגען אונבּעוועגט און האָט געשלאָפען, ניט זעהענדיג און ניט הערענדיג וואָס עס טהוט זיך אַרום איהם, איז טאַקי פאָרגע-

קומען דורך דעם, ווײַל דער שאָטען איז פון איהם אַוועקגעגאַנגען, און ער האָט געקענט זיך ווידער אויפהאַפּען און שטעלען זיך אויף די פיס, נאָר ווען דער שאָטען האָט זיך צוריק אומגעקעהרט צו איהם.

דער שאָטען איז אַלזאָ זעהר אַ דינע אָבער אַ פלינקע און ריה־רעוודיגע זאַך. דאָס איז דער צווייטער „איך" פון מענשען, דער רוח, די נשמה, און ער מאַכט דעם מענשען לעבעדיג.

דער טוידט קומט אַלזאָ דורך דעם, וואָס דער רוח, דער שאָטען פון מענשען איז אַוועקגעגאַנגען פון איהם אויף אַלע מאָל, און דערי־בער קען שוין דער מענש ניט לעבען און ווערט צופוילט. וואו זשע אָבער טהוט זיך אַהין דער שאָטען?—ער בלאָנקעט דאָ אַרום אין די פעלדער און וועלדער, בעזעצט זיך אין בוימער, אין שטיינער, אין היות; אַ מאָל פערפליהט ער הויך אויף דער זון, אויף דער לבנה, אויף די שטערען, און פאָרדערט פון די לעבעדיגע, אַז זיי זאָלען איהם בעזאָרגען מיט עסען און טרינקען. דער ווינד הוזשעט, דער דונער הילכט, דער רעגען שמייסט—דאָס זענען אַלץ נשמות, רוחות פון גע־שטאָרבענע, וועלכע ליאַרעמען און פילדערען מיט גרויס כעס, ווײַל מען האָט זיי מסתמא ניט גוט בעזאָרגט ווי געהעריג איז; איינער איז קראַנק געוואָרען—דאָס איז ווידער אַ בייזער רוח אַריין אין איהם און פייניגט איהם און ז. וו.

דאָס איז דער אָנהויב פון רעליגיאָן, און ס פּ ע נ ס ע ר, ט י י ל אָ ר און נאָך פיעל אַנדערע בריינגען הונדערטער פאַקטען, וועלכע בע־ווייזען, אַז אומעטום וואו די מענשהייט געפינט זיך אָדער האָט זיך געפונען אין ווילדען צושטאַנד, עקסיסטירט דיזע פאָרם פון רעליגיאָן, ד. ה. דער גלויבען אין רוחות פון געשטאָרבענע, דער שרעק פאַר זיי און די איבערצייגונג, אַז מען מוז זיי בעזאָרגען מיט עסען און טרינקען, ד. ה. מען מוז זיי בריינגען קרבנות. דאָס איז דער ערשטער פסיכאָ־לאָגישער פונדאַמענט, אויף וועלכען עס גרינדעט זיך יעדע רעלי־גיאָן, און ווייטער געהען שוין אַרויס אויפ׳ן סצענע די סאָציאַלע פער־העלטניסען פון מענשען, וועלכע בעשאַפען נייע רעליגיעזע אידעען און גיבען צו דער אַלגעמיינער רעליגיאָנס־געבײַדע די אָדער יענע פאָרם.

אַלס בייַשפּיעל וועלען מיר נעהמען איינינע רעליגיעזע אידעען, וועלכע זענען אויסגעוואַקסען אין די שפּעטערדיגע צייטען.

פון וואַנען נעהמט זיך די פאָרשטעלונג וועגען גוטע און בייזע געטער?

ביי די אוראַלטע ווילדע מענשען איז ניט געווען קיין בעגריף וועגען גוטע און שלעכטע געטער. אַלע רוחות זענען געווען אָדער גוט אָדער שלעכט, און דאָס האָט זיך געווענדט אָן די פערהעלטניסען, אין וועלכער דער ווילדער שבט האָט געלעבט. ווען די לאַנד איז געווען אַ גוטע און די מענשען פלעגט ניט אויסקומען צו ליידען הונגער און קעלט—זענען אַלע געטער געווען גוטע. פערקעהרט, ווען די גרופּע האָט זיך געפונען אין שלעכטע פערהעלטניסען און די מענשען פלעגט אָפט אויסקומען צו ליידען צרות און יסורים— זענען אַלע געטער געווען בייזע און שלעכטע. דער אונטערשייד צווישען די געטער, וואָס איינע זענען געוואָרען גוטע און אַנדערע שלעכטע, איז אויסגעוואַקסען דורך די אומבייטונג פון די סאָציאַלע פערהעלטניסען.

די פערצייטיגע פעלקער, זוכענדיג מיטלען מיט וואָס צו ערנעהרען זיך, פלעגען כסדר מלחמה האַלטען איינע מיט די אַנדערע. ווען איין פאָלק פלעגט אייננעהמען די אַנדערע און בעזעצען זיך אין זיין לאַנד, פלעגען די אייננעהמער פערבלייבען די הערשער און די איינגענומענע פלעגען ווערען אונטערגעדריקט. די רוחות פון די הערשער, פון די אייננעהמער, זענען זעלבסט-פערשטענדליך געווען, גוטע געטער, ווייל זיי האָבען געהאָלפען זייערע בעדינער איינצונעהמען די לאַנד; פערקעהרט, די רוחות פון די בעדריקטע זענען געווען בייזע און שלעכטע, ווייל זיי האָבען אומגליקליך געמאַכט זייערע בעדינער; און אין פערלויף פון פילע יאָהרען, ווען די אייננעהמער און איינגענומענע האָבען זיך ביסלעכווייז צוזאַמענגעשמאָלצען אין איין פאָלק, האָט שוין דיזער פאָלק אויך געהאַט איין פאַמיליע פון געטער, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אי גוטע אי שלעכטע.

ווי אַזוי איז ענטשטאַנען די אידעע וועגען דעם אונטערשייד צווישען גרויסע געטער און קליינע געטער?

דאָס איז אויך געווען אַ לאַנגער פּראָצעס פון היסטאָרישער ענטוויקלונג. דער פערצייטיגער מענש, וועלכער האָט געלעבט אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, אין אַ פאָלקאָמענער גלייכהייט צווישען אַלע מיטגלידער, האָט נישט געהאַט קיין שום בעגריף וועגען העכערע און נידעריגערע, און ביי די שבטים, וועלכע געפינען זיך נאָך אין ווילדען צושטאַנד, איז טאַקי ניטאָ קיין חילוק צווישען זייערע געטער: אַלע זענען גלייך צווישען זיך. נאָר שפּעטער, ווען עס האָט זיך איינגעפיהרט פּריוואַט-אייגענטום און די געזעלשאַפט האָט זיך צו-

שפאלטען אויף הערען און קנעכט, אט דאן איז אויך פארגעקומען א צושפאלטונג פון די געטער. נאך'ן טויט איז דער רוח פון האר געבליבען דער זעלבער האר, דער זעלביגער דעספאטישער הערשער, און די רוחות פון די קנעכט זענען געבליבען די זעלביגע קנעכט, וועלכע מוזען פאלגען און בעדינען זייער האר. די אונגלייכהייט צווישען מענשען האט זיך אבגעשפיעלט אין דער אונגלייכהייט צווישען די געטער.

ווי אזוי איז ענטשטאנען די אידעע און די פארשטעלונג וועגען „יענער וועלט"?

דאס נעהמט זיך ווידער פון היסטארישע אורזאכען און דער הויפט פון דער „פ ע ל ק ע ר־ו א נ ד ע ר ו נ ג". ביי די ווילדע שבטים, וועלכע וואהנען שטענדיג אויף איין ארט און האבען א קליינעם פערקעהר מיט אנדערע שבטים, איז ניטא קיין בעגריף פון א ווייטער „יענער וועלט", נאר אלע רוחות פון די געשטארבענע געפינען זיך דא ארום זיי און בילדען גאנצע קאלאניעס פון גוטע אדער בייזע גייסטער. נאר ווען דאס פאלק וואנדערט איבער פון איין ארט אויף דעם אנדערען, ווען איהם קומט אויס אין דעם פערלויף פון צעהנדליגער יאהרען דורכגעהן גאנצע וויסטע מדבריות, אדער איבערשווימען גאנצע ימים און ברייטע טייכען, ביז ער בעזעצט זיך אין א געוויסען לאנד, דאן בלייבט ביים פאלק אויף דער ערשטער צייט אין זכרון דאס ווייטע פערלאזענע פ א ט ע ר ל א נ ד, און די רוחות פון די געשטארבענע קעהרען זיך שטענדיג אום צוריק אהיים, „צו די עלטערן", ווי עס דריקט זיך אויס אין תנ"ך. וואס ווייטער און ווייטער ווערט אבער דאס אלטע פאטערלאנד אלץ מעהר פערגעסען, די פארשטעלונגען וועגען דעם ווערט אלץ טונקעלער, אבער די רוחות געהען שטענדיג נאך דער אלטער געוואנהייט אלץ איבער דעם זעלביגען וועג, און דאס אלטע פאטערלאנד ווערט א „יענע וועלט", ערגעץ אויפ'ן הימעל אדער הינטער דער ערד.

און שפעטער, ווען אין געזעלשאפטליכען לעבען פון דער מענשהייט האט זיך ענטוויקעלט ש ק ל א פ ע ר ײ, איז צום בעגריף וועגען „יענער וועלט" אויך צוגעקומען די פארשטעלונג וועגען „ג י ה נ ם" און „ג ן־ע ד ן". די שבטים, וועלכע געפינען זיך נאך אין ווילדען צושטאנד און לעבען צווישען זיך קאמוניסטיש, האבען נישט קיין שום בעגריף וועגען „גיהנום" און „גן־עדן". דיזער בעגריף איז אויך אויסגעוואקסען אין די שפעטערדיגע דורות. ווען איין פאלק פלעגט קומען פון א ווייטען געגנד, אנפאלען אויף א צווייטען פאלק, בע־

הערשען זיין לאנד און מאכען די איינגענומענע פאר שקלאפען, דאן פלעגען די רוחות פון די געשטארבענע הערען, אוועקגעהענדיג אין „יענער וועלט" — אין ווייטען פאטערלאנד פון וואנען זיי זענען געקומען, פלעגען זיי נאטירליך מיטנעהמען מיט זיך אויך זייערע קנעכט, ד. ה., די רוחות פון די געשטארבענע איינגענומענע, וועלכע זאלען זיי דארטען בעדינען. די רוחות פון די הערען פלעגען אויף יענער וועלט פייניגען די רוחות פון די קנעכט פונקט אזוי ווי זיי פלעגען טהון אויף „דער וועלט", און דעריבער איז זעלבסט־פערשטענדליך „יענע וועלט" פאר די רוחות פון די הערשער געווען א „גן־עדן" און פאר די רוחות פון די קנעכט איז זי געווען א „גיהנם".

עס פערשטעהט זיך, אז דיזע אלע אידעען און פארשטעלונגען האבען ביי פערשיעדענע פעלקער אין פערשיעדענע צייטען בעקומען פערשיעדענע פארמען, נאר דער עיקר פון דיזע אידעען און זייער אנהייב איז שטענדיג בעשטאנען אין דיזע היסטארישע און סאציאלע אורזאכען, און ביישפיעלען, וועלכע בעווייזען די ריכטיגקייט פון דיזע ערקלערונגען, קען מען גענוג געפינען אין יעדער קולטור־געשיכטע.

אויף די ווייטערע ענטוויקלונג פון דיזע ערשטע רעליגיאן־אידעען האט דער עיקר געווירקט דער גלחים־קלאס, ד. ה., דער קלאס כהנים און גאט־דינער, וועלכע האבען שטענדיג געזוכט איינצוּוויקלען דיזע איינפאכע רעליגיעזע פארשטעלונגען אין די פארמען פון פערפלאנטערטע און פערקניפּעלטע קאבאליסטישע לעהרען. דיזער גלחים־קלאס איז אויך ענטשטאנען און אויסגעוואקסען דורך א סאציאלע אורזאכע, און אויף די ערשטע צייטען דורך די ענטוויקלונג פון ארבייטס־טיילונג. אין די פערצייטיגע דורות האבען נאך קיין ספעציעלע גלחים (כהנים) ניט עקזיסטירט, און יעדער מענש בעזונדער איז געווען מחויב צו בעשעפטיגען זיך מיט די רוחות און בריינגען זיי קרבנות, ד. ה., פערזארגען זיי מיט עסען און טרינקען. נאר שפעטער, ווען די צוטיילונג פון ארבייט האט זיך אלץ מעהר און מעהר ענטוויקעלט און יעדערער האט שוין געהאט זיין ספעציעלע ארבייט, איז דאס בעזארגען די רוחות און דאס ווענדען זיך צו זיי מיט תפלות און קרבנות אויך געווארען א ספעציעלע בעשעפטיגונג פון בעזונדערע מענשען. עס פערשטעהט זיך, אז דיזע מענשען, וועלכע זענען שטענדיג געווען גאט'ס מקורבים, האבען געהאט אויף די אבערגלויבישע מאסען דעם גרעסטען איינפלוס, און וואס

ווייטער און ווייטער האָבען זיך דיזע מענשען אָרגאַניזירט אין איין קלאַס, כדי אויסצונוצען מיט דער מאַכט פון זייער אָרגאַניזאַציאָן דעם שרעק און מורא וואָס די מאַסען האָבען געפיהלט פאַר די געטער, און הדרך דעם אַליך מעהר רייכער און שטאַרקער ווערען.

אָט פון דיזע עטליכע ערקלערונגען קענען מיר שוין אָנהייבען צו פערשטעהן, פון וואַנען נעהמט זיך די צווייזייטיגקייט אין די רעליגיאָנען פון די ציוויליזירטע פעלקער. דיזע צווייזייטיגקייט נעהמט זיך פון די סאָציאַלע פערהעלטניסען פון דיזע פעלקער, ד. ה., פון די קלאַסען־הסכּים, וועלכע עקזיסטירען אין זיי.

אַלס ביישפּיעל מוזען מיר זיך צוריק אומקעהרען צו דער בעפעלקערונג פון אינדיען און צו איהר רעליגיאָן, ווייל דאָ האָבען מיר פּאַקטיש געזעהען דעם אונטערשיעד צווישען דער אינדישער רעליגיאָן אויפ׳ן פּאַפּיער, ד. ה., אין איהרע הייליגע ביכער, און די אינדישע רעליגיאָן אין דער ווירקליכקייט.

די איינוואָהנער פון אינדיען, ביי וועלכע עס האָבען זיך ענטוויקעלט די הויכע רעליגיעזע אידעען, אויף ווי פיעל זיי זענען פערצייכענט אין די אינדישע הייליגע ביכער, רופען זיך „אינדוסען" און זיי שטאַמען אַרויס פון דער זעלביגער ראַסע, פון וועלכע עס שטאַמען אַרויס אַלע אייראָפּעאישע פעלקער, ד. ה., פון דער „אַרישער" ראַסע. אָבער די אינדוסען אַליין בילדען נאָך ניט די גאַנצע בעפעלקערונג פון אינדיען. דאָרטען געפינען זיך נאָך צעהנדליגער מיליאָנען איינוואָהנער, וועלכע געהערען צו די שוואַרצע ראַסען, און היסטאָריש איז בעקאַנט, אַז די ערשטע איינוואָהנער פון לאַנד זענען געוועזען די שוואַרצע ראַסען, נאָר מיט עטליכע טויזענד יאָהר צוריק זענען די אינדוסען געקומען פון מיטעל־אַזיען, האָבען איינגענומען דאָס לאַנד און בעזעצט זיך דאָרטען אַלס הערשער איבער די בעזיעגטע שוואַרצע שבטים און פעלקער.

די שוואַרצע איינוואָהנער פון לאַנד זענען אַלזאָ געוואָרען שקלאַפען פון די איינגעהמער און האָבען געבילדעט דעם קלאַס „פּאַריאַ׳ס", וועלכער עקזיסטירט נאָך טיילווייז איצט אויך אין אינדיען. דיזע פּאַריאַ׳ס בעהאַנדעלט מען נאָך איצט אויך ערגער ווי הינד און מען קוקט אויף זיי ווי אויף נידעריגערע און אונריינע חיות. נאָך די אַמאָליגע אינדישע געזעצען (זיי עקזיסטירען טיילווייז נאָך איצט אויך) האָט קיין אינדוס ניט געטאָרט אַריינטרעטען מיט זיי אין קיין שום געמיינ-

שׁאַפֿט, און ווען ער ריהרט זיך אָן ניט חילעֶנדיג אָן אַ פּאַריאַ מוז ער זיך עטליכע מאָל טובל זיין און אויסוואַשען די קליידער. קיין פּאַריאַ האָט ניט געטאָרט אַריינגעהן אין אַ אינדוס׳ס וואָהנונג, ער האָט ניט געטאָרט האָבען קיין שום אייגענטום און פֿאַר טויטען איהם איז קיין שום שטראָף ניט געקומען.

די בעפֿעלקערונג פֿון אינדיען איז אַלזאָ נאָך פֿון די ערשטע צייטען געװען צוטיילט אין צוויי טיילען: פֿון איין זייט דאָס הערשענדע פֿאָלק — די װייסע אינדוסען, און פֿון דער אַנדערער זייט די בעדריקטע פֿעלקער—די שוואַרצע פּאַריאַ׳ס, און דעריבער זענען די געטער פֿון אינדיען אויך געװען פֿערשידען: די געטער פֿון די אַיינגעהמער און הערשער זענען געװען גוטע, העלע, שיינענדע און ליבליכע, און די געטער פֿון די אַיינגענומענע, פֿון די שקלאַפֿען, זענען געװען נידעריגע, פֿינסטערע און בייזע גייסטער. היילינע ביכער, וואָס גלענצען מיט פּאָעזיע און פֿילאָזאָפֿיע, האָבען זיך, זעלבסט־פֿערשטענדליך, געקענט בעשאַפֿען נאָר די אַיינגעהמער, די הערשער, וועלכע זענען געװען בעפֿרייט פֿון אַרבייט, פֿון דאַגות און זאָרגען, און האָבען זיך געקענט בעשעפֿטיגען מיט ליטעראַטור, קונסט און גייסטיגע בילדונג. אָט דעריבער זעהט מען אין די היילינע ביכער פֿון אינדיען מעהר ניט ווי תּפֿלות און הימנען צו די גוטע, ליבע און שיינענדע געטער.

נאָר אויב אין די ערשטע צייטען האָט עקזיסטירט אַ טיפֿע שפּאַלטונג מעהר ניט ווי צווישען די װייסע אַיינוואָהנער פֿון לאַנד און די שוואַרצע, האָט זיך אין די שפּעטערדיגע דורות אויסגעבילדעט נאָך אַ טיפֿערע שפּאַלטונג צווישען פֿערשידענע קלאַסען אין דער װייסער בעפֿעלקערונג גופֿא, און די אורזאַכע דערפֿון איז געװען—די ענטוויקלונג פֿון האַנדעל און פֿערקעהר. אינדיען האָט אין די אַלטע צייטען געשפּילט זעהר אַ גרויסע ראָליע אין דער מענשליכער קולטור, און דער בעריהמטער היסטאָריקער שלאָסער בעשרייבט דיזע ראָליע אַזוי: „שוין אין די עלטסטע צייטען איז אינדיען געװען דער מיטעלפּונקט פֿון אַל־װעלטליכען האַנדעל. איהרע טייערע צייג און פֿאַרבען, איהרע געווירצען און בשׂמים, איהרע דיאַמאַנטען און פּערעל האָבען שטענדיג צו זיך צוגעצויגען פֿיעל נאָהענטע און ווייטע פֿעלקער. דיזע סחורות פֿלעגען פֿונאַנדערגעפֿיהרט ווערען איבער דער גאַנצער וועלט דורך פֿעניצעאישע און אַראַבישע סוחרים, אָבער אינדיאַנער גופֿא פֿלעגען אויך מאַסענהייז פֿערלאָזען זייער פֿאָטערלאַנד און פֿאָהרען אין די

ווײַטכטע לענדער אָבּצוזעצען זײערע סחורות. שוין די אינדישע געזעצען פון „מאַנו“, וועלכע זענען אַרויסגעגעבּען געוואָרען מעהר ווי מיט דרײַ טויזענד יאָהר צוריק, פערפפליכטען די אינדישע הענדלער צו לערנען פרעמדע שפּראַכען“.

די אינדישע כּוהנים זענען אַלזאָ, וואָס מעהר און מעהר געוואָרען אַלץ מעכטיגער, רײַכער און געבּילדעטער, און צוזאַמען מיט די קריגס־לײַט, וועלכע האָבּען געוועלטיגט איבּער אַלע מיליאָנען פּאַריאַ'ס, און מיט די גלחים (כּהנים, בּראַהמינען), וועלכע זענען אויך געוועזען שרעקליך רײַך דורך די פּילע קרבּנות און מתּנות, וואָס מען פּלעגט זיי בּרינגען, האָבּען זיי אויסגעבּילדעט אַ שטאַרקע מאַטעריאַלישע און גײַסטיגע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט אונבּעגרענעצט געהערשט איבּערן גאַנצען לאַנד. אָבּער ניט אַלע אינדוסען האָבּען געהערט צו דיזער אַריסטאָקראַטיע. די אַריסטאָקראַטיע איז אַלע מאָל דער קלענסטער טייל פון דער בּעפעלקערונג, און מיט איהר גלאַנץ און עשירות האָט זי שטענדיג צו פערדאַנקען דער עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג פון גרעסטען טייל. די זעלבּיגע זאַך איז אויך פאָרגעקומען אין אינדיען: וואָס מעהר די אַריסטאָקראַטיע איז געוואָרען רײַכער, איז דער גרעסטער טייל אינדוסען אַלץ מעהר געוואָרען אָרימער. דיזע פעראָרימטע אינדוסען, די האַנדווערקער און לוין־אַרבּייטער, האָבּען אויסגעבּילדעט דעם אָרעמען קלאַס, וועלכער האָט זיך גערופען „סודראַ“. דיזע סודראַ'ס זענען געוועזען פערהאַסט און פעראַכטעט פון דער אַריסטאָקראַטיע פּונקט אַזוי ווי די שוואַרצע פּאַריאַ'ס. זיי האָבּען ניט נאָר ניט געהאַט קיין שום פּאָליטישע און סאָציאַלע רעכטען, נאָר זיי האָבּען אַפילו קיין רעכט ניט געהאַט צו לייענען די הייליגע בּיכער, און זיי איז געוועזען שטרענג פערבּאָטען אַרײַנצוגעהן אין אַ טעמפּעל (קירכע), אין דער צײַט, ווען מען פּלעגט דאָרט פאָרלעזען די הייליגע בּיכער.

עס פערשטעהט זיך, אַז דורך דיזען געגענזאַץ אין די געזעלשאַפטליכע פערהעלטנישען פון דער אינדישער בּעפעלקערונג, האָבּען ניט געקענט עקזיסטירען איינע און די זעלבּע רעליגיעזע, פילאָזאָפישע און מאָראַלישע אידעען אי בּײַ דער אַריסטאָקראַטיע, אי בּײַ די פאָלקס־מאַסען, ד. ה., בּײַ די הערשער און בּעדריקער פון איין זײַט און בּײַ די בּעדריקטע און פערשקלאַפטע פון דער אַנדערער זײַט. איינע און די זעלבּע רעליגיעזע אידעע האָט געמוזט בּײַ דער רײַכער און געבּילדעטער אַריסטאָקראַטיע נעהמען אַן אַנדער ריכטונג און בּעקומען אַן אַנדער פאָרם איידער בּײַ די

פֶערשקלַאפְטֶע, ווילדֶע און אוּנוויסֶענדֶע פָאלקסמַאסֶען — און דָאס איז די אוּרזַאכֶע פוּן דער צווייזייטיגקייט און פוּן דעם טיפֶען ווידֶערשפּרוּך אין דער אינדישער רעליגיאָן.

אָבֶער די אינדישֶע רעליגיאָן איז ניט איינֶע אין דיזֶען הינזיכט, זי האָט דאָ פַאר אונז מעהר ניט געשפּיעלט אַלס אַ בּייַשפּיעל, און אַזוי ווי מיט איהר, קוּמט אויך פָאר מיט אַלֶע רעליגיאָנֶען פוּן אַלֶע ציוויליזירטֶע פֶעלקער. די בֶּעפֶעלקערוּנג פוּן רוֹים איז נאָך אין די ערשטֶע צייטֶען געוועזֶען אַיינגעטיילט אין צוויי קלַאסֶען: פוּן איין זייט דער הערשענדער קלַאס — פַּאטריציער, און פוּן דער אַנדערער זייט דער אוּנטערדריקטער קלַאס—פּלעבּעיער. דעלינגער אין זיין בּערימטעס בּוּך „הײדענטוּם און יוּדענטוּם" שרייבּט וועגֶען דער רעליגיאָן פוּן דיזער בֶּעפֶעלקערוּנג פָאלגענדעס:

„די פּלעבּעיער, וועלכֶע האָבֶּען דער עיקר געהערט צוּ דעם בּויערן־שטַאנד און זענֶען געוועזֶען ווי אַ אוּנטערגעוואָרפֶענער פָאלק אוּנטער די פַּאטריציער, האָבֶּען געהַאט אַנ'איינֶענֶע, גַאנץ בֶּעזוּנדערֶע רעליגיאָן. אין דעם אַלגעמיינֶעם בּירגערליכֶען גאָט־דינסט האָבֶּען די פּלעבּעיער קיין רעכט ניט געהַאט צוּ נעהמֶען אַנ'אָנטייל. דוּרך די רעליגיעזֶע פֶערשידענהייט האָבֶּען די פַּאטריציער ניט געקענט התונה האָבֶּען מיט די פּלעבּעיער. די פּלעבּעיער האָבֶּען געקענט נאָר פוּן וויַיטֶען קוּקֶען ווי עס קוּמֶען פָאר אין רוֹים די רעליגיעזֶע צערעמאָניעס, אוּ דאָס ניט אַלֶע; דערפַאר האָבֶּען זיי געהַאט זייערֶע אייגֶענֶע היילִיגקייטֶען און זייער אייגֶענֶע גאָט־דינסט". וועגֶען דעם יוּדישֶען פָאלק קלערט מען אַלֶע מאָל ווי וועגֶען אַנ„עם אֶחד", ווי וועגֶען אַ פָאלק, וועלכער איז דוּרכאויס דוּרכגעדרוּנגען מיט איינֶע און די זעלבּע רעליגיעזֶע אידעֶען, גלייך ווי בּנוגע צוּ דער רעליגיאָן איז עס גאָר ניט צוּשפָּאלטֶען אויף בּעזוּנדערֶע שיכטֶען און קלַאסֶען. די יוּדישֶע „היסטאָריקער" בּעשרייבֶּען אימער דעם יוּדישֶען פָאלק אַזוי, ווי ער וואָלט שטענדיג געוועזֶען איין קערפּער מיט איין פֶערשטַאנד, מיט איין געשמַאק און מיט איינֶע שטרעבּוּנגֶען, אָבֶּער ווי וויַיט דאָס איז ניט ריכטיג קען אוּנז בּעווייזֶען איינער פוּן די פיעלֶע בּייַשפּיעלֶען, וועלכֶע די היסטאָריע גיט. גרעטץ אין זיין הַקדמה צוּם פיערטֶען טייל פוּן זיין „יוּדישער געשיכטֶע", האַראַקטעריזירֶענדיג די עפּאָכֶע, אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעבּילדעט דער „תּלמוּד" (דיזֶע עפּאָכֶע האָט געדויערט כּמעט 1,000 יאָהר), זאָגט

פאָלגענדעס: „דיזע ריזען־אַרבייט פון אויסבויען דעם תלמוד, איך וועלכער עס האָבען געאַרבייט מיט דער גאַנצער קראַפט פון גייסט 20 דורות נאָכאַנאַנד; לעהרער און תלמידים, בעאַמטע און האַנדווערקער, יודען פון פאַלעסטינא און פון אויסלאַנד, מקריב זייענדיג אַלץ וואָס איז טייער אין געוועהנליכען לעבען, — דאַרף מען ניט בעטראַכטען ווי אַ מין גייסטיגען צייט־פערברייינגען פון געלערנטע, אָדער ווי אַ מין שמידערייַ פון קייטען פון כהנים און זייער שטרעבונג צו הערשונג, נאָר דאָס איז אַן עכטע נאַציאָנאַלע אַרבייט, אין וועלכער, אַזוי ווי אין דעם אויסבויען פון אַ פאָלקס־שפּראַך, נעהמט אַנ׳אָנטייל ניט דער אָדער יענער איינצעלנער מענש, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק בכלל". דער תלמוד האָט אַלזאָ בעשאַפען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, און דאָס הייסט, אַז די רעליגיעזע אידעען, וועלכע זענען דאָרטען פערצייכענט זענען געוועזען איינענטימליך אַלע יודען פון יענער צייט אָהן שום אונטערשיעד צווישען זיי — אָבער דער זעלבער גרעטץ אין דעם זעלביגען בוך האַראַקטעריזירט אַזוי די אינוועניגסטע פערהעלטניסען פון אידישען פאָלק פון יענער צייט:

„די יעניגע, וועלכע האָבען געפיהרט אַ שטרענגען פרומען לעבען און פלעגען אָבגעבען „מעשר" (צעהנטען) פון די פרוכטען וואָס זיי האָבען געהאַט, האָבען אויסגעבילדעט אַ מין אָרדען (חבורה), וועלכער האָט זיך אויסגעבילדעט נאָך אין דער צייט פון פאַרטייקאַמפף צווישען די „פרושים" און „צדוקים". דיזער אָרדען — ווי עס ווייזט אויס — האָט געהאַט בעזונדערע פאָליטישע ציעלען; די מיטגליעדער פון דיזען אָרדען האָבען זיך גערופען „חברים". אַט דיזער אָרדען, צו וועלכען עס האָבען געהערט אַלע תנאים און אַמוראים, ווי אויך די שטאָדט־איינוואָהנער און יעדערער, וועלכער האָט געהערט צו די מעדר אָדער וועניגער געבילדעטע שיכטען, האָט ענטוויקעלט די גאַנצע אונגעהייערע גייסטיגע אַרבייט, וועלכע האָט בעשאַפען דעם תלמוד; אָבער ניט דער גאַנצער פאָלק בכלל האָט גענומען אין דיזער אַרבייט אַנ׳אַנטייל.

„אין געגענזאַטץ צו דעם אָרדען פון די „חברים" — זאָגט ווייטער גרעטץ — איז געשטאַנען דער אידישער בויערן־שטאַנד, דאָס לאַנד פאָלק („עם־הארץ"), וועלכער האָט זיך גערופען — דער שקלאַף פון דער ערד. די „חברים" — דאָס זענען געוועזען די אידישע פאַטריציער (אַריסטאָקראַטען) און דער „עם־הארץ" דאָס איז דער קלאַס פלעבעיער. דער מאָראַלישער און גייסטיגער צושטאַנד פון דעם אידישען בויערן־שטאַנד, פון דעם „עם־הארץ" איז געוועזען זעהר ני־

דעריג... די אידישע פלעבעיער האבען ניט ארויסגעוויזען קיין שום יושר און עהרליכקייט אין זייערע האנדלונגען, קיין שום צערטליכקייט און איידעלע געפיהלען אין זייער פאמיליען-לעבען, קיין שום עהרענגעפיהל אין זייערע געזעלשאפטליכע בעציהונגען און קיין שום אכטונג איינער צום אנדערן. (גרעטץ שילדערט אזוי די אידישע פלעבעיער נאך די בעשרייבונגען פון די „חכמי התלמוד", פון די אידישע פאטריציער, אבער צו איז דאס ריכטיג געוועזען אזוי—איז אנ'אנדער פראגע). פון די אידישע געזעצען האבען זיי אבגעהיט נאר די, וועלכע האבען געפאסט פאר זייער גראבען און ווילדען לעבען, און בכלל זענען זיי געוועזען ווייט פון וועלכע ניט איז גייסטיגע אינטערעסען. צווישען דיזע פערהוילדעטע מאסען און די געבילדעטע שיכטען איז געלעגען א טיפע און ברייטע שפאלטונג, און דיזע געגענזעצליכע שיכטען האבען שרעקליך געהאסט איינע די אנדערע. די „חברים" האבען ניט געטארט צוזאמען עסען מיט אנ'עם-הארץ", זיי האבען ניט געטארט זיך אן איהם אנריהרען, כדי ניט מטמא צו מאכען (פעראונרייניגען) זייערע קליידער; התונות זענען צווישען דיזע ביידע שטאנדען געוועזען א זעלטענהייט; אויף אזא פאקט האבען די „חברים" געקוקט ווי אויף די גרעסטע ערנידערונג. די שרייבער פון יענער צייט דערצעהלען, אז די שנאה צווישען די אידישע פאטריציער און פלעבעיער איז געוועזען נאך פיעל גרעסער איידער די שנאה צווישען די אידען און געטצענדינער. „ווען זיי וואלטען זיך אין אונז ניט נויטיגען — זאגט ר' אליעזר — וואלטען זיי אונז ווי די גזלנים געטוידט". ר' עקיבא, וועלכער איז אליין ארויס פון ניעדעריגען קלאס, איז אליין מודה, אז אין דער יוגענד פלעגט זיין גרעסטער פערלאנג זיין אנצוטרעפען איינעם פון דעם העכערען שטאנד און דערשלאגען איהם אויף'ן ארט... די „חברים" האבען קיין זאך ניט געטהון אום אויפצוהויבען דיזע פערגראבטע און פערווילדעטע מאסע אויף א העכערע מאראלישע און גייסטיגע מדרגה; פערקעהרט זיי האבען שטענדיג געזועהען צו מאכען אלץ דיקער און פעסטער די וואנד, וועלכע האט זיי אבגעטהיילט פון די אונטערשטע שיכטען. די עדות פון אנ'„עם-הארץ" פלעגט מען ניט אננעהמען; צו זיין אנ'אפעקון איבער יתומ'ישען פערמעגען פלעגט מען איהם ניט דערלאזען; ער האט ניט געטארט פערנעהמען קיין שום געזעלשאפטליכע שטעלע אין דער געמיינדע, און א „חבר" פלעגט זיך קיינמאל ניט לאזען אין וועג צוזאמען מיט אן „עם-הארץ", מורא האבענדיג פאר איהם ווי פאר א גזלן".
(גרעטץ, די יודישע געשיכטע, IV טהייל, ז. 75).

אָט נאָך דיזען טיעפען אונטערשיעד צווישען די אויבערשטע און אונטערשטע שיכטען פון אידישען פאָלק, נאָך דיזע אָבגעזונדערטקייט צווישען די אידישע געבילדעטע און אונוויסענדע און נאָך דיזער שנאה וועלכע האָט עקזיסטירט צווישען זיי — קען מען דען זאָגען, אַז אין דעם גאַנצען אידישען פאָלק האָבען געלעבט איינע און די זעלבע רעליגיעזע אידעען און פאָרשטעלונגען? — דאָס וועט זיין אַ גרויסער טעות, און מיט דער אידישער רעליגיאָן הזר׳ט זיך איבער די זעלבע געשיכטע ווי מיט דער אינדישער, און אַזוי קומט אויך פאָר מיט אַלע רעליגיאָנען פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער. מיט איין וואָרט, די רעליגיעזע אידעען פון יודענטהום געפינען זיך אין ווידערשפרוך מיט די רעליגיעזע אידעען פון די קריסטליכע מאַסע; די רעליגיעזע אידעען פון קריסטענטהום געפינען זיך אין ווידערשפרוך מיט די רעליגיעזע אידעען פון די קריסטליכע פאָלקס־מאַסען, א. ז. וו. א. ז. וו. די אורזאַכע פון דיזען ווידערשפרוך איז אומעטום איינע און די זעלבע: די אונגערעכטיגקייט אין געזעלשאַפטליכען לעבען, די צושפּאַלטונג פון יעדען פאָלק אין הערשענדע און בעהערשטע קלאַסען, וואו די הערשער זענען שטענדיג געוועזען מעהר געבילדעט און מעהר פאָרטגעשריטען איידער די בעהערשטע, האָט אַרויסגערופען דעם פאַקט, אַז אין יעדען פאָלק הערשט די רעליגיאָן אין צווייערליי פאָרמען: פון איין זייט די רעליגיעזע אידעען פון די רייכע און געבילדעטע, וועלכע זענען פערשריבען אין די הייליגע ביכער און גלענצען מיט פאָעזיע און טיעפען דענקען. און פון דער אַנדער זייט די פינסטערע אַבערגלויבונגען פון די אָרעמע און בעדריקטע פאָלקס־מאַסען, וועלכע מאַכען יעדען דענקענדען מענשען ערשטוינט מיט זייערע משונה׳דיגע און ווילדע דומהייטען.

און דיזער פאַקט פון צווייזייטיגקייט איז ניט נאָר מיט דער רעליגיאָן אַליין, נאָר מיט דער גאַנצער קולטור פון יעדען פאָלק אין אַלגעמיין. עס איז אַ גרויסער ליגען ווען מען זאָגט: דאָס און דאָס פאָלק בעזיצט אַזאַ און אַזאַ קולטור. די קולטור, ד. ה. אַלע פילאָזאָפישע, מאָראַלישע און זיטליכע אידעען, וועלכע הערשען אין די אויבערשטע, געבילדעטע קלאַסען פון פאָלק, זענען גאָר ניט עהנליך צו די אידעען, וועלכע הערשען אין די אונטערשטע, אָרעמע און אונוויסענדע קלאַסען. די צושפּאַלטונג צווישען די רייכע־געבילדעטע, און די אָרעמע אונוויסענדע קלאַסען אין פאָלק גופא איז פיעל מעהר אַ טיעפערע, איידער די צושפּאַלטונג צווישען בעזונדערע פעלקער. די געבילדעטע קלאַסען פון בעזונדערע פעלקער זענען שטענדיג פיעל נעהנטער

צווישען זיך און קענען גיכער און בעסער פערשטעהן איינע די אנדערע, איידער אט די זעלביגע קלאסען מיט די אונוויסענדע מאסען פון זייער פאלק גופא. די זעלביגע זאך — דער אונוויסענדער מענש פון איין פאלק קען זיך גיכער צונויפצוגעהן מיט אן אונוויסענדען מענשען פון א׳ן אנדער פאלק, איידער מיט א געבילדעטען און הויך ציוויליזירטען מענשען פון זיין פאלק.

ווען מיר וועלען איצט פרעגען, ווי דארפען מיר קוקען אויף דער רעליגיאן בכלל, איז דער תירוץ — עס וועגדט זיך אויף וועלכען שטאנד־פונקט מיר שטעהען: אויב מיר שטעהען אויף דעם שטאנד־פונקט פון די הערשענדע און געבילדעטע קלאסען, דאן קומט אונז אויס צו שעטצען די רעליגיאן אלס א הויכע און ערהאבענע אידעע פול מיט פאעזיע און טיעפען דענקען, און אויב מיר שטעהען אויף דעם שטאנדפונקט פון די בעדריקטע מאסען, דאן מוזען מיר די רעליגיאן ניט נאר פעראכטען ווי א פינסטערע און ווילדע דומהייט, נאר מיר מוזען זי אויך פערהאסען אלס די אורזאכע פון אונגעהויערע צרות און יסורים וואס די מענשהייט האט איבערגעליטען. אין דער צייט פון מיטעל־אלטער האט מען אין אייראפא געפייניגט און נאכדעם פארברענט לעבעדיגערהייט מעהר ווי 9 מיליאנען מענשען, וועלכע מען האט בעשולדיגט אלס מכשפים און מכשפה׳טעס*), אויסער די הונדערטער טויזענדער קרבנות, וואס זענען פערברענט געווארען פאר אנדערע הטאים אויף די פייערען פון דער הייליגער אינקוויזיציע; און איינער האט געזאגט, אז ווען מען זאל צונויפקלויבען דעם אש פון אלע פערברענטע שטעדט און דערפער, וואס זענען פערברענט געווארען צוליעב דער רעליגיאן, וואלט דיזער בארג ניט געווען קלענער פון מאן־בלאן (דער גרעסטער בארג אין אייראפא).

אויף וויפיעל די רעליגיאן עקספלואטירט די פאלקס־מאסען

---

*) אין דער שטאָרט ווירצבורג האט מען אין די יאהרען 1627 און 1628 פארברענט 42 מענשען, צווישען וועלכע עס זענען געווען 25 קינדער אין דעם עלטער פון 9 ביז 14 יאהר. מען האט זיי פארברענט, בעשולדיגענדיג זיי, אז זיי זענען געבארען געווארען פון מכשפות, וועלכע האבען התונה געהאט מיט׳ן טייוועל.

אין פאמעראניען האט מען פארברענט א׳ן ארעמע, 10 יאהריגע מיידעלע, וועלכע מען האט פריהער געצוואונגען אונטער שרעקליכע יסורים מודה צו זיין זיך, אז זי האט געבארען פון טייוועל צוויי קינדער און אז זי איז איצט טראגענדיג מיט א דריטען קינד.

אזעלכע פאקטען קען מען אנרעכענען טויזענדער.

איז יעדערען מעהר אָדער וועניגער באַקאַנט, נאָר עס וועט ניט זיין איבעריג צו ברייגען דאָ אייניגעס פון די הונדערטער און טויזענדער פאַקטען פון דיזער עקספּלואַטאַציע.

פראַנקרייך פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע, אין דער צייט ווען דאָס פאָלק איז געווען אַזוי פעראָרעמט, אַז אויף יעדען מענשען האָט זיך דורכשניטליך גערעכענט איינגענטהום מעהר ניט ווי איין העקטאַר*) ערד מיט אַ הכנסה פון 9 פראַנק**) אַ יאָהר, ווען די צאָהל פון אביונים און בעטלער האָט זיך גערעכענט מיליאָנענווייז און טויזענדער מענשען פלעגען טאָג־טעגליך פאַלען אין גאַס און אויסגעהען פון הונגער, — אין דיזער צייט איז דער פערמעגען פון דער פראַנצויזישער קירכע בעשטאַנען אין פאָלגענדען:

136 בישאָפען האָבען געהאַט זייערע יעהרליכע הכנסה — 49,000,000 פראַנק.

622 אַבבאַטען, 280 גייסטליכע ריטטער און 315,000 גלחים האָבען יעהרליך בעקומען 21,030,000 פראַנק.

די הכנסה פון די קירכען פאַר די ערד, געביידען א. ז. וו. האָט בעטראָפען 35,000,000 פראַנק.

די הכנסה דורך דירעקטע אָבצאָהלונגען פון פאָלק אונטער דעם נאָמען „צעהנטען" (מעשׂר) האָט בעטראָפען 90 מיליאָנען.

די הכנסה דורך ניט־דירעקטע אָבצאָהלונגען, נדבות א. ז. וו. האָט בעטראָפען 210 מיליאָנען פראַנק.

דער סך־הכל פון די יעהרליכע הכנסות פון דער קירכע האָט בעטראָפען 405 מיליאָנען פראַנק. און דאָס איז געווען אין צווייי מאָל מעהר איידער די גאַנצע יעהרליכע הכנסה פון דעם גאַנצען פאָלק. דאָס גאַנצע פאָלק, אויסער די קירכע מיט דעם אַדעל (פריצים), האָט צו יענער צייט געהאַט זיינע יעהרליכע הכנסה ניט מעהר ווי 200 מיליאָנען פראַנק, כמעט אויף 20 מיליאָנען מענשען.

פון דיזע אונגעהויערע הכנסות האָט די קירכע ניט געצאָהלט קיין שום שטייערען אין דער מלוכה, און די מוראדיגע לאַסט פון אַלע רעגירונגס־אויסגאַבען איז ווידער געפאַלען אויף דעם אָרעמען, פאַרהונגערטען פאָלק. נאָך אין 1641 יאָהר, ווען די רעגירונג האָט געפאָדערט פון דער קירכע אַלס אַנ׳אויסנאַהם־שטייער 6 מיליאָן פראַנק, האָט אויף דערויף דער בישאָף פון סאַנס געענטפערט, אַז די גייסטליכע

---

*) העקטאַר — עטוואָס וועניגער פאַר אַ דעסיאַטינע ערד.

**) אַ פראַנק איז 40 קאָפּיקעס.

זענען מחויב צו העלפען דער מלוכה נאר מיט זייערע תפילות, אבער ניט מיט געלד...

דערפון קען מען זעהען אויף ווי פיעל זענען גערעכט די איבענדערמאנטע פילאזאפען אין זייערע ערקלערונגען: וואס איז אזוינס רעליגיאן? — צו זי איז „פראקטישע זיטליכקייט", ווי קאנט דריקט זיך אויס, אדער זי איז „דער טיעפסטער ענטפער אויף די העכסטע פראגען פון לעבען", ווי פיכטע מיינט; צו זי איז דער געפיהל פון אונענדליכע אבהענגיגקייט" (פאר די גלהים אויך?), ווי שלייערמאכער זאגט, אדער „דער געפיהל פון אבסאלוטער פרייהייט", ווי העגעל מיינט: ניין, די רעליגיאן איז ניט איינס און דאס זעלבע פאר אלעמען גלייך, און ריכטיגער וועט זיין צו זאגען, אז פאר די אויבערשטע שיכטען פון די פעלקער איז זי געווען דער קוואל פון מאטעריאלישען און מאראלישען גליק, און פאר די אונטערשטע שיכטען איז זי אימער געווען דער קוואל פון מאטעריאלישען און מאראלישען אומגליק.

.II

פעטישיזם, פאליטעאיזם און מאנאטעאיזם.

די פראגע, ווי אזוי איז ענטשטאנען די רעליגיאן און ווי איז געגאנגען איהר ענטוויקלונג, איז אויך אזוי פערדרעהט, פערקניפעלט און מיר בעגעגענען זיך דא אויך מיט פערשידענע ווידערשפרעכענדע מיינונגען און סברות פונקט אזוי ווי אין דער פראגע — וואס איז אזוינס רעליגיאן, און די אורזאכע דער פון איז ווידער אלץ די זעלבע: די היסטאריקער בעשרייבען די רעליגיאן בכלל און אין זייערע אויגען עקסיסטירט נאר איין רעליגיאן פאר דעם גאנצען פאלק, ניט קוקענדיג דערויף, וואס זי געהט אין צוויי בעזונדערע ריכטונגען און שפיגעלט זיך אב אין די אידעען פון די אויבערשטע שיכטען פון פאלק נאר אין אן אנדער פארם איידער אין די אידעען פון די אונטערשטע שיכטען.

עס איז אלעמען בעקאנט, אז די היסטאריקער טהיילען איין די ענטוויקלונג פון דער רעליגיאן אין דריי פעריאדען: „פעטישיזם" (געטצענדיענסט), „פאליטעאיזם" (דער גלויבען אין פיעלע געטער) און „מאנאטעאיזם" (דער גלויבען אין איין איינציגען גאט). אין די פארצייטיגע דורות, זאגט מען, האט איבעראל געהערשט דער „פעטישיזם"; ביי די ציוויליזירטע פעלקער פון אלטערטהום — דער

פּאָליטעאיזם און בײַ די נײַע פֿעלקער — דער מאָנאָטעאיזם.

די ענטוויקלונג פֿון רעליגיאָן און דעם איבערגאַנג פֿון פֿעטישיזם צום פּאָליטעאיזם און פֿון פּאָליטעאיזם צום מאָנאָטעאיזם ערקלערט מען געוועהנליך אַזוי:

דער פּאַרצײַטיגער ווילדער מענש האָט קיין שום בעגריף ניט געהאַט וועגען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען די ערשײַנונגען פֿון דער נאַטור, און יעדע בעזונדערע ערשײַנונג איז געווען אין זײַנע אויגען אַ זעלבסטשטענדיגע, פֿרײַע און לעבעדיגע זאַך. דער ווינד הוישעט און צו וואַרפֿט זײַן וואָהנונג, ווײַל ער וויל אַזוי טהון, דער רעגען שמײַסט איהם, ווײַל ער וויל איהם שמײַסען, דער טײַך איז פֿערפֿראָרען געוואָרען, ווײַל ער האָט געוואָלט פֿערפֿראָרען ווערען א. ז. וו. און דעריבער האָט דער פּאַרצײַטיגער מענש געהאַלטען אַלע בעזונדערע זאַכען (פֿרעמדמעטען) און ערשײַנונגען פֿאַר געטער און פֿלעגט זיך צו זיי ווענדען מיט תּפֿילות און קרבּנות, גלויבענדיג, אַז זיי קענען אַלץ טהון נאָך זייער אייגענעם ווילען און קאַפּריז. דאָס איז דער משך פֿון פֿעטישיזם.

נאָר שפּעטער, אין דעם פֿערלויף פֿון הונדערטער יאָהרען, האָט זיך דער מענש ביסלעכווײַז איבערגעצײַגט, אַז די בעזונדערע ערשײַנונגען אין דער נאַטור זענען ניט אַזוי פֿרײַ און זעלבסטשטענדיג ווי ער האָט פֿריהער געמיינט. ער האָט בעמערקט, אַז דער טײַך אַליין האָט גאָר אַ קנאַפּע דעה איבער זיך, נאָר ער ווערט פֿערפֿראָרען שטענדיג אין איין צײַט און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע טײַכען און בלאָטעס פֿון יענעם געגענד. דיזע ערפֿאַהרונג האָט איהם געפֿיהרט צו דער איבערצײַגונג, אַז דער טײַך אַליין איז ניט זעלבסטשטענדיג און ער קען ניט טהון וואָס ער וויל, נאָר ער האָט אַ גרויסע אורזאַכע ד. ה. אַ העכערע קראַפֿט, וועלכע צווינגט איהם אין אַ געוויסע צײַט פֿערפֿראָרען צו ווערען. דאָס זעלבע האָט ער אויך בעמערקט בײַ אַלע אַנדערע ערשײַנונגען פֿון דער נאַטור, אַז יעדע בעזונדער איז ניט פֿרײַ און זעלבסטשטענדיג, נאָר זי האָט זיך איהר אורזאַכע — אַ געוויסע מאַכט, וועלכע צווינגט איהר צו זײַן דווקא אַזוי און ניט אַנדערש. דעריבער האָט דער מעהר ענטוויקעלטער מענש פֿערגעטערט שוין ניט די ערשײַנונגען גופֿא, נאָר זייערע אורזאַכען: פֿאַר איהם האָט שוין עקזיסטירט דער גאָט פֿון ווינד, דער גאָט פֿון רעגען, דער גאָט פֿון טײַכען א. ז. וו. דאָס איז דער משך פֿון פּאָליטעאיזם.

און נאָך שפּעטער, ווען דער מענש האָט נאָך ברייטער אין

טיעפער ערקענט די נאַטור און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז גופא די אורזאַכען פון די ערשיינונגען זענען אויך ניט זעלבסטשטענדיג, נאָר זיי געפינען זיך אין אַ שטענדיגען צוזאַמענהאַנג איינע מיט די אַנדערע, איינע רופט אַרויס די אַנדערע און אַלע בעזונדערע ווענדען זיך סוף כל סוף אָן איין אַלגעמיינע אורזאַכע, וועלכע איז דער אָנהויב און עיקר פון אַלעס—אָט דאַן האָט ער אָנגעהויבען גלויבען אין איין איינציגען גאָט, וועלכער איז די איינציגע אורזאַכע פון אַלע אורזאַכען. דאָס איז דער משך פון מאָנאָטעאיזם.

אַזוי ערקלערט מען די ענטוויקלונג פון רעליגיאָן און די אורזאַכע פון איהר ענטוויקלונג, און נאָך דיזער ערקלערונג קומט אויס, אַז די רעליגיאָן איז פעסט פערבונדען מיט דער פילאָזאָפיע, ד. ה. מיט דעם נאָכדענקען און נאָכפאָרשען וועגען די אורזאַכען און פערהעלטניסען פון די ערשיינונגען אין נאַטור און לעבען, און אין איהר ענטוויקלונג געהט זי האַנד אין האַנד מיט דער נאַטור־וויסענשאַפט; — אָבער ווי ווייט אַזאַ ערקלערונג שטימט ניט מיט די ריכטיגע פאַקטען פון דער היסטאָריע קען זיך יעדערער גרינג איבערצייגען.

וואָס איז אַזוינס „פעטישיזם"? מענזיס, האַראַקטעריזירענדיג די רעליגיאָן פון די ווילדע נעגערס אין דרום־אַפריקאַ, זאָגט פאָלגענדעס: „דער ווילדער פערגעטערט שטיינער, בוימער, צווייגען, שטיקלעך קאָרע, וואָרצלען, די נעגעל פון אַ פויגעל, ציינער, פעל, פעדערן א. ד. ג., מיינענדיג, אַז אין דיזע זאַכען געפינען זיך רוחות און נשמות... ער ווענדט זיך צו דיזער גאָטהייט מיט תפילות און לויבט איהר אין הימעל אַריין, נאָר אויב זיין פערלאַנג ווערט ניט ערפילט, דאַן פערוואַרפט ער איהר ווי אַ אונניצליכע זאַך; אָפט זידעלט ער דיזע גאָטהייט און שלאָגט איהר, כדי איהר צו צווינגען, אַז זי זאָל איהם דינען". אָט דאָס רופט מען פעטישיזם, אָבער אַזאַ אַרט גלויבען איז האַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַר דער פאַרצייטיגער ווילדער מענשהייט, נאָר ער איז האַראַקטעריסטיש פאַר יעדער רעליגיאָן בכלל.

מאַקס מיללער זאָגט: „עס איז נאַטירליך לייכט צו געפינען „פעטישען" איבעראַל, ביי די אַלטע און נייע, ביי ווילדע און ציוויליזירטע פעלקער. פאַוזאַניאוס (אַ גריכישער שרייבער) ערצעהלט, אַז אין די אַלטע צייטען זענען די געטער־בילדער אין גריכענלאַנד, וואו עס האָט געהערשט דער „פאָליטעאיזם", געוועזען איינפאַכע שטיקער שטיינער, און אַ זעלכע געטער־בילדער האָבען זיך געפונען אין פילע ערטער פון גריכענלאַנד אַפילו אין זיין צייט, ד. ה. אין 2־טען יאָהרהונדערט נאָך קריסטוס'ס געבורט. דאָס

זעלבּע געפינען מיר אויך בּײַ די רוימער. שטיינער, וועלכע מען האָט געמיינט, אַז זיי זענען אַראָבּגעפאַלען פון הימעל, פלעגען די רוימער געהמען מיט זיך אין די מלחמות און ווענדען זיך צו זיי מיט תּפילות, אַז זיי זאָלען זיי העלפען מנצח זײַן דעם פײַנד. דער רוימישער קיסר אַהגוסט, וועלכער האָט פערלאָרען צוויי מלחמות אויף'ן ים, האָט בּעשטראָפט נעפּטון'ען (דעם גאָט פון ים) ווי אַ „פּעטיש" דערמיט, וואָס ער האָט אַרויסגעוואָרפען זײַן בּילד און האָט אין אַ גרויסען יום־טוב ניט דערלאָזען צוטראָגען איהם צוזאַמען מיט די בּילדער פון אַנדערע געטער. דעם קיסר נעראָן, וועלכער האָט פערהאַסט אַלע געטער, האָט אַמאָל איינער געבּראַכט אַ קליינעם פרויען־בּילד, און האָט איהם איינגעשמועסט, אַז דיזער בּילד קען איהם בּעשיטצען פון אַ מרידה געגען איהם, און אַזוי ווי גראַדע צו יענער צײַט האָט נעראָן ענטדעקט אַ געהיימען פעראיין, וועלכער האָט זיך געשטעלט דעם ציעל איהם צו טוידטען, האָט ער בּעשלאָסען צו מאַכען דיזען בּילד פאַר זײַן העכסטע גאָטהייט און בּריינגען איהם דרײַ מאָל אין טאָג קרבּנות".

„ווען מיר וועלען זיך ווענדען — זאָגט ווײַטער מאַרקס מילער — צו אונזער הייליגער רעליגיאָן, צום קריסטענטום, איז בּעקאַנט, ווי די קריסטליכע פאָלקס־מאַסען קוקען אויף די הייליגע בּילדער (איקאָנען). דעללא־וואַלל ערצעהלט, אַז אין מיטען פון 17־טען יאָהרהונדערט האָבּען די פּאָרטוגעזישע מאַטראָזען בּעשאָטען מיט זידלערײַ און קללות דעם בּילד פון הייליגען אַנטאָניוס דערפאַר וואָס ער האָט קיין ווינד ניט געגעבּען און זייער שיף איז געשטאַנען אין מיטען ים; צום סוף האָבּען זיי אַניעדערגעשטעלט זײַן בּילד אויף'ן שפּיץ פון דער אָנגעבּויגענער מאַקסט, האָבּען זיך געשטעלט אויף די קניע און האָבּען געזאָגט: „הייליגער אַנטאָניוס! זײַ אַזוי גוט און שטעה דאָרטען בּיז יענער צײַט, בּיז וואַנען דו וועסט אונז ניט געבּען קיין גוטען ווינד צו פאָהרען ווײַטער". פרעזיער ערצעהלט פון אַ שפּאַנישען שיפס־קאַפּיטאַן, וועלכער האָט אויפגעהאַנגען אַ קליינעם בּילד פון דער הייליגער מאַריאַ אויפ'ן שפּיץ מאַקסט, און האָט איהם ערקלערט, אַז ער וועט דאָרט אַזוי לאַנג הענגען, בּיז וואַנען ער וועט איהם געבּען אַ גוטען ווינד. קאָצעבּו דערצעהלט, אַז די נעאַפּאָליטאַנער האָבּען שרעקליך געזידעלט דעם הייליגען גענעראָ און האָבּען געשמיסען מיט ריטער זײַן בּילד דערפאַר, וואָס ער האָט ניט צוזייגעהאַלטען דעם פײַער־שפּײַענדיגען בּאַרג וועזוּאַוויי, ער זאָל ניט גיסען קיין פײַער (לאַוואַ) אויף'ן לאַנד". אַ זעלכע פאַקטען קען מען בּריינגען נאָך הונדערטער, און ווען מיר וועלען זיך דערמאָנען נאָך

אויף די „קמיעות“, „להשים“, „וואָלף־צײַנדלאַך“, „הײַעלאַך“, „בעלי־שמות“, „מכשפים“, „פערשפרעכערינס“ און נאָך צעהנדליגער „פעטישען“, אין וועלכע די פרומע אידען און קריסטען גלויבען ניט וועניגער ווי אין דעם „אַלמעכטיגען גאָט“ — קען מען זעהען, אַז דער פעטישיזמוס“ איז האַראַקטעריסטיש פאַר יעדער רעליגיאָן בכלל, און ניט נאָר פאַר דער רעליגיאָן פון דער פערצײַטיגער מענשהײַט.

אונטער „פאָליטעאיזם“ פערשטעהט מען אַזאַ אַרט רעליגיאָן, וואו דער גלויביגער איז איבערצײַגט, אַז עס עקסיסטירען אַ סך געטער און רוחות, איינער העכער פון דעם אַנדערען און יעדערער האָט זײַן ספּעציעלע בעשעפטיגונג: איינער איז דער גאָט פון ווינד, דער אַנדערער—דער גאָט פון דונער, דער דריטער—דער גאָט פון רעגען א. ז. וו. אַזאַ אַרט רעליגיאָן, זאָגט מען, איז האַראַקטעריסטיש פאַר די ציוויליזירטע פעלקער פון אַלטערטום, ווי די גריכען, רוימער, עגיפּטער, כאַלדעער, אינדיאַנער א. ז. וו. *דעללינגער* האַראַקטעריזירט אַזוי די רעליגיאָן פון גריכענלאַנד: „די גאַנצע נאַטור, דורכאויס אָנגעפילט מיט גײַסטער און רוחות, וועלכע געפינען זיך אין די בעציהונגען פון העכערע און נידעריגע, עלטערע און אינגערע, מענליכע און ווײַבליכע, מעכטיגערע און שוואַכערע געטער — אָט דאָס איז געווען דער רעליגיאָנס־בעוואוסטזײַן פון גריכישען פאָלק“. „אָבער איבער דיזער אונגעהייערער מהגה פון געטער און רוחות האָט געהערשט איין אַלעמכטיגער גאָט *צעאוס*. דיזער גאָט איז אין דעם געדאַנק פון גריכישען פאָלק—דער פאָטער פון אַלע געטער און מענשען, דער אַלמעכטיגער קעניג און הערשער פון דער גאַנצער וועלט; ער איז פול מיט גוטסקײַט, ליבע און חכמה, און זײַן וואָרט—דאָס איז דער מזל אַליין“. אָט דאָס איז „פאָליטעאיזם“, אָבער אויך אַזאַ אַרט גלויבען איז האַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַר „די ציוויליזירטע פעלקער פון אַלטערטום“, נאָר אויך פאַר פיעלע ווילדע און באַרבאַרישע שבטים פון איין זײַט און די *מאָנאָטעאיסטישע* „נײַע פעלקער“ פון דער אַנדער זײַט.

אין די בעשרײַבונגען פון די רעליגיאָנען פון ווילדע שבטים קען מען זעהען, אַז אין זייער גלויבען שטעהען זיי ניט נידעריגער איידער די גריכען און זענען אויך די זעלביגע „פאָליטעאיסטען“ ווי זיי. די רעליגיאָן פון איינעם אַ ווילדען אַמעריקאַנישען שבט „גודאַמזאָ“, ווי ס. *מיללער* ברײַנגט איהר בעשרײַבונג, בעשטעהט אין פאָלגענדעם: „די *גודאַמזען* פערגעטערן די זון, די לבנה, די שטערען, חיות און בוימער, טײַכען און בלאָטעס, בערג, שטיינער און פעלזען, גלויבענדיג, אַז אין די אַלע זאַכען געפינען זיך פערשידענע גײַסטער

און רוחות, וועלכע געוועלטיגען איבער פערשיעדענע ערשיינונגען אין דער נאטור און לעבען. אבער איבער דיזע אלע געטער און רוחות הערשט איין אלמעכטיגער גאט, וועלכער רופט זיך ביי זיי „דער אלטער אונשטערבליכער מאן", „דער גרויסער גייסט", „דער גרויסער סוד". אזעלכע ביישפיעלען קען מען בריינגען נאך פיעל פון די רעליגיאנען פון חילדע און בארבארישע שבטים, וועלכע ווייסען נאך ניט פון קיין שום ציוויליזאציע,—אבער פון דער אנדער זייט זעהען אויך די „נייע היסטא־רישע פעלקער", וואו עס הערשט דער „מאנאטעאיזם" אויך די זעל־ביגע „פאליטעאיסטען" ווי „די ציוויליזירטע פעלקער פון אלטערטום". די אידען און קריסטען פון היינטיגער צייט גלויבען אויך אין דער עקסיסטענץ פון פיעלע גייסטער און רוחות, ווי דער „מלאך גבריאל", דער „מלאך רפאל", דער „מלאך המות" און נאך טויזענדער מלאכים און שדים, וואס יעדערער האט זיך זיין בעזונדערע „שליחות", זיין ספעציעלע בעשעפטיגונג*)—און איבער זיי אלעמען הערשט דער איינ־ציגער „אלמעכטיגער גאט" אלס זייער פאטער און בעשאפער... דער „פאליטעאיזם" איז אלזא הארטאקטעריסטיש ניט נאר פאר די רעליגיאנען, פון די אלטע ציוויליזירטע פעלקער, נאר ווידער יעדער רעליגיאן בכלל.

דאס זעלבע איז אויך מיט דעם „מאנאטעאיזם", מיט דעם גלויבען אז איין איינציגען גאט, וועלכער איז דער אנהייב פון אלע אנהייבען און די אורזאכע פון אלע אורזאכען. דיזער מין גלויבען איז אויך הארטאקטעריסטיש סיי פאר די ווילדע, סיי פאר די בארבארישע, סיי פאר די ציוויליזירטע פעלקער. איינער פאלוואדא בעשרייבט אזוי די רעליגיאן פון א געוויסען ווילדען שבט אויף די פאלינעזישע אינז־לען: „די איינוואהנער פון דיזע אינזלען האבען ניט קיין בעזונדערע געטער, צו וועלכע זיי זאלען בריינגען קרבנות, נאר זיי גלויבען אין די עקסיסטענץ פון איין אלמעכטיגען וועזען, וועלכער האט בעשאפען דעם

---

*) אין סוף פון 16-טען יאהרהונדערט האט דער בישאף פון ווירען דאקטאר גאספאר נייבעק, ארויסגעטריבען פון א 16-יאהריגער מיידעל— אננא שליוטטערבאגער — 12,652 רוחות.

די אידישע קאבאליסטען האבען אויסגערעכענט, אז יעדען מענש רינג־לען ארום 11,000 שדים. 1,000 פון דער רעכטער זייט און 10,000 פון דער לינקער.

אין XVI יאהרהונדערט האט א געוויסער שרייבער ווייער אויסגע־רעכענט וויפיעל געפינען זיך שדים און רוחות אין גיהנום. עס קומט אויס, אז דארטען געפינען זיך 44,635,569 „מלאכי-חבלה", אויסער גאנצע מיליארדען פון גנאמען, קאבאלדען, וואוקאלאקעס און פיפערנאטערן". (זאטאוו: „די געשיכטע פון טייוועל").

הימעל און די ערד. דיזער גאָט רופט זיך „מאָטאָגאָן", און ער איז אַ גרויסער, שטאַרקער און קלוגער מענש; ער איז אויך אַ שוואַרצער און מיט געגרייזעלטע האָר אַזוי ווי זיי. בעשאַפענדיג די וועלט, האָט ער נאָר געזאָגט: „ערד, קום אַרויס!" ער האָט אַ בלאָז געטהון און די ערד איז געוואָרען; אַזוי האָט ער אויך בעשאַפען די זון, די שטערען, די בוימער און די קענגורו (אַ מין חיה). מאָטאָגאָן איז זעהר אַ גוטער, נאָר עס איז דאָ אויך אַ שלעכטער גייסט, אַ שטן, וועלכער רופט זיך „סיענגאַ". דיזער סיענגאַ איז די אורזאַכע פון אַלע קראַנקהייטען און פון דעם טוידט פון זייערע קינדער"... מיר זעהען אַלזאָ דעם „מאָנאָטעאיזם" ביי אַ ווילדען שבט פון פאָלינעזיען. און דאָס זעלבע זעהען מיר אויך ביי די „פאָליטעאיסטישע פעלקער".

די עגיפטער פלעגען נאָך מיט פינף טויזענד יאָהר צוריק דאַוונען יעדען טאָג צו זייער גאָט „אַמאָן־ראַ" מיט דער פאָלגענדער נוסחה: „געלויבט זאָלסט דו זיין, דו הייליגער גאָט. דער אַלמעכטיגער בעשעפער, דער הערר פון געזעץ, דער פאָטער פון די געטער, דער בעשעפער פון מענשען און חיות, דער וואָס מאַכט וואַקסען די תבואות און גרייט צו עסען פאַר די חיות פון פעלד... דו ביסט דער איינציגער וואָס צו דיר איז קיין גלייכען ניטאָ... דו ביסט דער איינציגער קעניג, דער איינציגער צווישען געטער, דו טראָגסט אַזוי פיעל נעמען, וואָס מען קען זייער צאָהל ניט וויסען" (מענזים). דאָס איז ריינער מאָנאָטעאיזם און דעלאַרושע זאָגט וועגען דער עגיפטישער רעליגיאָן פאָלגענדעס: „עס איז שוין אַריבער מעהר ווי 5,000 יאָהר זינד אין דעם טאָהל פון טייך נילוס האָבען זיך געלאָזט הערען תפלות צו דעם איינציגען אַלמעכטיגען גאָט און שירים וועגען די אונשטערבליכקייט פון דער נשמה".

אָבער אַזעלכע פאַקטען קען מען אויך בריינגען פון די גריכען, פעניציער, כאַלדייער און כמעט פון אַלע רעליגיאָנען פון די ציוויליזירטע פעלקער פון אַלטערטהום, און דער פון קען מען זעהען, אַז אויך דער מאָנאָטעאיזם איז ניט האַראַקטעריסטיש נאָר פאַר די רעליגיאָנען פון די „נייע פעלקער", נאָר ער איז אויך האַראַקטעריסטיש כמעט פאַר אַלע רעליגיאָנען פונקט אַזוי ווי דער „פאָליטעאיזם" און „פעטישיזם". אָט דעריבער וועט זיין ריכטיגער צו זאָגען, אַז אי דער פעטישיזם, אי דער פאָליטעאיזם, אי דער מאָנאָטעאיזם זענען מעהר אָדער וועניגער האַראַקטעריסטיש פאַר יעדער רעליגיאָן, און עס איז ניט ריכטיג ווען מען זאָגט, אַז די ענטוויקלונג

פון רעליגיאָן האַראַקטעריזירט זיך מיט דעם איבערגאַנג פון פעטישיזם צום פאָליטעאיזם און פון פאָליטעאיזם צום מאָנאָטעאיזם. קיין ווירקליכער איבערגאַנג איז קיינמאָל ניט געוועזען, און אין בעסטען פאַל קען מען זאָגען, אַז אונטער געוויסע אומשטאַנדען שטאַרקט זיך אין דער רעליגיאָן דער עלעמענט פון פעטישיזם, אונטער אַנדערע אומשטאַנדען — דער עלעמענט פון פאָליטעאיזם און נאָך אונטער אַנדערע — דער עלעמענט פון מאָנאָטעאיזם, און אָט אין דעם קען זיין דער גאַנצער חלוק צווישען פערשידענע רעליגיאָנען.

אָבער קען מען דען זאָגען, אַז די רעליגיאָן האָט קיין שום ענטוויקלונג ניט איבערגעלעבט און אַז זי שטעהט שטענדיג אין איין שטאַנד נאָך פון די פערצייטיגע דורות אָן! קען מען דען זאָגען, אַז אויף דעם גאַנצען וועג פון היסטאָרישער ענטוויקלונג האָבען זיך ביי דער מענשהייט ניט געביטען איהרע רעליגיעזע אידעען און פאָרשטעלונגען? — אַזאַ מיינונג וועט זיין נאַטירליך ניט ריכטיג, נאָר אום צו געבען אַ גענויעם ענטפער אויף דער פראַגע — ווי אַזוי האָט זיך די רעליגיאָן ענטוויקעלט — מוזען מיר קודם כל האָבען אין זינען וועלכע רעליגיאָן מיינען מיר: די רעליגיאָן פון די אויבערשטע שיכטען, צו — פערקעהרט — די רעליגיאָן פון די אונטערשטע שיכטען, ווייל דיזע ביידע אַרטען רעליגיאָן זענען צוויי בעזונדערע זאַכען, ווייזען זיך אַרויס אין בעזונדערע פאָרמען און געהען אין בעזונדערע ריכטונגען.

פערגלייכענדיג די רעליגיעזע אידעען און פאָרשטעלונגען פון די פאָלקס־מאַסען פון פערשידענע צייטען און עפּאָכען, קען מען מיט רעכט זאָגען, אַז קיין גרויסער אונטערשיעד איז צווישען זיי איינגענטליך ניטאָ; אומעטום הערשט דער זעלבער גלויבען אין רוחות און גייסטער, אומעטום ווילדע און אַבערגלויבישע פאָרשטעלונגען וועגען זיי און אומעטום דער שרעק פאַר זייער גרויזאַמקייט און אַכזריות. דער גאַנצער ענטוויקלונגס־גאַנג פון דיזער אַרט רעליגיאָן קען זיין האַראַקטעריזירט נאָר דורך די אומבייטונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין די בעציהונגען צווישען דיזע גייסטער און רוחות: אַמאָל זענען אַלע געטער געווען צווישען זיך גלייך און קיין ספּעציעלע בעשעפטיגונג האָט אויך יעדער בעזונדער ניט געהאַט; שפּעטער האָט זיך ביי זיי ענטוויקעלט אַן אַרבייטס־טיילונג און עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ סאָציאַלע און פּאָליטישע אונגלייכקייט; נאָך שפּעטער האָבען זיך

אִין הִימֶעל אוֹיסגֶעבִּילדֶעט פִּיעל זֶעלבּסט-הֶערשֶענדֶע רֶעגִירוּנגֶען, אוּן לְסוֹף האָט זִיך אִין הִימֶעל אוֹיסגֶעבִּילדֶעט אֵיין מלוכה אוּנטֶער דֶער מאַכט פוּן אַ *דֶעספּאָטִישֶער זֶעלבּסט-הֶערשוּנג*. אָט אִין דֶעם בֶּעשטֶעהט דִי עֶנטווִיקלוּנג פוּן דֶער פאָלקס-רֶעלִיגִיאָן, אוּן אִיהר אוּרזאַכֶע אִיז—דִי עֶנטווִיקלוּנג פוּן דִי סאָציאַלֶע אוּן פּאָלִיטִישֶע פֶער-הֶעלטנִיסֶען פוּן דֶער מֶענשלִיכֶער גֶעזֶעלשאַפט אוּן דֶער עיקר דִי מאַכט אוּן ווִירקוּנג פוּן דִי הֶערשֶענדֶע עֶלֶעמֶענטֶען פוּן פאָלק.

אֵיינִיגֶע הִיסטאָרִישֶע פאַקטֶען ווֶעלֶען עֶרקלֶערֶען דִיזֶע ווֶערטֶער.

עֶס אִיז אִיצט אַ בֶּעקאַנטֶער פאַקט אִין דֶער הִיסטאָריֶע, אַז דִי הוֹיפּט-גֶעטֶער פוּן דִי פֶערצַייטִיגֶע שבטים אוּן משפחות זֶענֶען גֶעוועֶן *פרוֹיעֶן-גֶעטֶער*, אוּן שפּעֶטֶער, אוֹיף דֶער ווַייטֶערֶער מדרגה פוּן דֶער עֶנטווִיקלוּנג, האָבֶּען דִי פרוֹיעֶן-גֶעטֶער בִּיסלֶעכווַייז אָנגֶעוואָרֶען זֵייעֶר מאַכט אוּן דִי הוֹיפּט-ראָלִיעֶ האָבֶּען אָנגֶעהוֹיבֶּען שפִּיעלֶען *מֶענֶער-גֶעטֶער*. דוּרך דִיזֶער רֶעוואָלוּציֶע האָט דֶער רֶעלִיגִיעֶזֶער גלוֹיבֶּען בֶּעקוּמֶען גאָר אַנ'אַנדֶער פאָרם: אִין דֶער צַייט, ווֶען עֶס האָבֶּען גֶעהֶערשט דִי פרוֹיעֶן-גֶעטֶער זֶענֶען עֶרשטֶענס אַלֶע גֶעטֶער גֶעוועֶן פֶערבּוּנדֶען מִיט דֶער *עֶרד* אוּן ווֶעגֶען הִימֶעל האָט דֶער דאַמאָלסדִיגֶער מֶענש גאָר נִיט גֶעוואוּסט וואָס צוּ זאָגֶען, צווֵייטֶענס האָט דאַן צווִישֶען דִי גֶעטֶער נִיט עֶקסִיסטִירט קֵיין בֶּעשטִימטֶע אַרבֵּייטס-טהֵיילוּנג, ד. ה. עֶס זֶענֶען נאָך נִיט גֶעוועֶן קֵיין בֶּעזוּנדֶערֶע גֶעטֶער פוּן פַייעֶר, וואַסֶער, ווֶעלדֶער, פֶעלדֶער א. ז. וו. אוּן דרִיטֶענס האָט צווִישֶען זֵיי גֶעהֶערשט אַ סאָציאַלֶע אוּן פּאָלִיטִישֶע *גלַייכהַייט*, ד. ה. עֶס זֶענֶען נאָך נִיט גֶעוועֶן קֵיין הֶעכֶערֶע אוּן נִידֶערִיגֶע, מֶעכטִיגֶערֶע אוּן שוואַכֶערֶע גֶעטֶער. פֶערקֶערט, ווֶען דִי הוֹיפּט-ראָלִיעֶ האָבֶּען אָנגֶעהוֹיבֶּען שפִּיעלֶען *מֶענֶער-גֶעטֶער* האָט זִיך אַלץ אוּמגֶעבִּיטֶען: דִי גֶעטֶער האָבֶּען פֶערלאָזֶען דִי עֶרד אוּן בֶּעזֶעצט זִיך אִין הִימֶעל, אוּן דאָרטֶען האָט זִיך בַּיי זֵיי עֶנטווִיקֶעלט אִי אַ שטרֶענגֶע אַרבֵּייטס-טֵיילוּנג, אִי אַ סאָציאַלֶע אוּן פּאָלִיטִישֶע אוּנ-גלַייכהַייט.

דִיזֶע רֶעוואָלוּציֶע עֶרקלֶערט זִיך דוּרך דֶעם, וואָס אוּמעֶטוּם אוֹיף דִי עֶרשטֶע מדרגות פוּן עֶנטווִיקלוּנג האָט אִין מֶענשלִיכֶען גֶעזֶעל-שאַפט-לֶעבֶּען גֶעהֶערשט—ווִי אַלֶעמֶען אִיז בֶּעקאַנט—דֶער *מאַטרִיאַרכאַט*, ד. ה. דִי הֶערשאַפט פוּן פרוֹיעֶנצִימֶער, פוּן דֶער *מוּטֶער*, אוּן אַזוֹי ווִי דִי עֶרשטֶע גֶעטֶער זֶענֶען אֵיינפאַך גֶעוועֶן רוּחות פוּן גֶע-שטאָרבֶּענֶע, פֶערשטֶעהט זִיך דֶערִיבֶּער, אַז דֶער *הֶעכסטֶער* גאָט פוּן דֶער פאַמִילִיעֶ אוּן משפחה אִיז גֶעוועֶן דֶער רוּח, דִי נשמה פוּן דֶער אַלטֶער גֶעשטאָרבֶּענֶער *מוּטֶער*. דִי רוּחות פוּן דִי גֶעשטאָרבֶּע-

נע, נאָך דער דאַמאָלסדיגער פאָרשטעלונג, געפינען זיך אויך דער ערד און אַרום איהר און בעוועגען זיך אין ביימער, שטיינער, חיות, שטיקער האָלץ א. ד. ג. די נשמה פון דער הויפּט-מוטער פלעגט געוועהנליך זיין פערבונדען מיט דער ערד אַליין און דעריבער איז דער גרעסטער גאָט געווען די „מוטער-ערד"*). אין יענער צייט האָט אין די פערהעלטניסען פון דעם מענשליכען געזעלשאַפט-לעבען געהערשט אַ פאָלקאָמענע ג ל ײַ כ ה ײַ ט, ווייל ערשטענס איז די דאַמאָלסדיגע פּראָדוקציאָן געווען גאַנץ קליין און איינפאַך און דעריבער האָט כמעט ניט עקסיסטירט קיין בעשטימטע אַרבייטס-טהיילונג און צווייטענס האָבען נאָך מענשען ניט געוואוסט פון פּ ר י װ אַ ט - א י י ג ע נ ט ה ו ם, — און אַז דיזע פערהעלטניסען צווישען מענשען האָבען זיך נאַטירליך אויך אָב-געשפּיעלט אין די פערהעלטניסען צווישען די געטער, וועלכע האָבען אויך ניט געוואוסט פון קיין שום אונגלייכהייט.

נאָר דורך געוויסע סאָציאַלע אורזאַכען און דער עיקר דורך דעם, וואָס די מענשהייט האָט זיך אָנגעהויבען בעשעפטיגען מיט פאַסטוכע-ריי (פ י ה צ ו כ ט) און ערד-אַרבייט איז די הערשאַפט נאָך ביעלע קאַמפּפען און מחלוקת אַריבערגעגאַנגען פון דער פרויענצימער צום מאַנספּערזאָן, און אויף דער סצענע איז אַרויס דער פּ אַ ט ר י אַ ר כ אַ ט. דיזע רעוואָלוציע אין געזעלשאַפטליכען לעבען פון די מענשען האָט געפיהרט צו אַ רעוואָלוציע אין געזעלשאַפטליכען לעבען פון די געטער. די הויפּט-געטער זיינען געוואָרען מ אַ נ ס ב י ל ע ן, די נשמה פון הויפּט-פּאָטער, פון „פּאַטריאַרך", האָט זיך פערבונדען מיטן ה י מ ע ל, אויף דער סצענע איז אַרויס אַ נייער גאָט—דער „פאָטער-הימעל" און דיזער הויפּט-גאָט האָט זיך כמעט אַלע איבעריגע געטער אויך אַריבער-גענומען אין הימעל פאַר זיינע קנעכט און משרתים.

אין דער פּאַטריאַרכאַלער געזעלשאַפט האָבען זיך די פער-העלטניסען צווישען מענשען שטאַרק אומגעביטען. די פּראָדוקציאָן איז שוין געווען הייבש ענטוויקעלט און האָט אַרויסגערופען אַ בעדערפ-ניש אין אַרבייטס-טהיילונג; דערפון איז די ראָללע פון פּאַטריאַרך גע-וואָרען פיעל מעהר בעדייטענד, ווייל ער האָט אויף זיך געמוזט נעהמען די ג ײַ ס ט י ג ע אַרבייט צו אָרגאַניזירען די גאַנצע פּראָדוקציאָן, און

*) עס איז בעקאַנט, אַז די ערשטע ערד-אַרבייטעריי איז איינגעפיהרט געוואָרען דורך פ ר ױ ע ן, אַז די פרויען און ניט די מאַנסבילען האָבען אויף דער ערשטער צייט בעאַרבייט די ערד, און דעריבער איז די ערד ביי יענע פעלקער, וועלכע האָבען איהר געהאַלטען פאַר אַ גאָט אימער געווען אַ פרויען-גאָט און ניט קיין מענער-גאָט.

ביסלעכווייז איז ער געוואָרען אַ דעספּאָטישער הערשער איבער אַלע אַנדערע מענשען פון דער גרופּע, וועלכע האָבען געמוזט פאָלגען אַלע זיינע בעפעהלען, און אויף דיזען גרונד איז אויסגעוואַקסען אַ סאָציאַלע און פּאָליטישע אונגלייכהייט צווישען מענשען. דאָס אַלץ האָט זיך נאַטירליך אָבגעשפּיעלט אויך אין דער געטער־געזעלשאַפט. דער רוח פון דעם הערשער, פון „פּאַטריאַרך“, בלייבט נאַטירליך דער הערשער אויך אויף „יענער וועלט“, אין הימעל, און בעגעהט זיך מיט די רוחות פון זיינע אונטערטאַהנער, פון זיינע קנעכט, פּונקט ווי ער איז זיך בעגאַנגען אויף „דער וועלט“: איינעם הייסט ער זיך בעשעפטיגען מיט'ן ווינד, דעם אַנדערן—מיט די וועלדער, דעם דריטען מיט פעלדער, און אַזוי וואַקסט אויס אַנ'אַרבייטס־טיילונג צווישען די געטער. דורך דיזע אַרבייטס־טיילונג האָט שוין יעדער גאָט בעקומען אַנ'אַנדער בעדייטונג אין דער פאָרשטעלונג פון מענשען: דער גאָט פון דונער און שטורם האָט געדאַרפט זיין בייזער און מעכטיגער איידער דער גאָט פון ליכטיגקייט און וואַרעמקייט; דער „מלאך רפאל“, וועלכער היילט קראַנקע, איז אַ גוטער גייסט; פערקעהרט, דער „מלאך המות“, וועלכער ברייננט טוידט און פערניכטונג, איז אַ בייזער און שלעכטער.

דאָס איז די ערשטע אומבייטונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען פון די פאָלקס־מאַסען, און איצט וועלען מיר געהען נאָך ווייטער אין דער היסטאָריע צו זעהען ווי אַזוי האָבען זיך אויסגעבילדעט אין הימעל בעזונדערע מלוכות מיט זעלבסטהערשענדע רעגירונגען.

דער אונטערשיעד צווישען די פּערצייטיגע פעלקער און די היינטיגע אין רעליגיעזען הינזיכט בעשטעהט אין דעם, וואָס די פּערצייטיגע פעלקער האָבען געגלויבט, אַז אין הימעל געפינען זיך פיעל בעזונדערע מלוכות מיט זעלבסטהערשענדע רעגירונגען; פערקעהרט, די היינטיגע פעלקער גלויבען, אַז אין הימעל געפינט זיך נאָר איין מלוכה מיט איין זעלבסטהערשענדען קעניג. „די פּערצייטיגע אידען האָבען זייער גאָט „יעהאָוואַ“ (יהוה) נאָר געהאַלטען פאַר זייער פאָלקס־גאָט, אַזוי ווי די בני־כנען האָבען געהאַלטען „בעל“, די קינדער פון מואָב האָבען געהאַלטען „מלכום“ און די קינדער פון בני־עמון „כמוש“. „יעהאָוואַ“ איז ביי די אידען געוועזען דער גאָט פון ארץ ישראל און ניט מעהר. ווען אַ איד האָט פערלאָזען ארץ ישראל און האָט זיך בעזעצט אין אַנ'אַנדער לאַנד, האָט ער געדיענט אַנדערע געטער וואָס האָבען בעשיצט די אַנדערע לענדער. ווען שאול האָט פעריאָגט דוד'ן,

האָט דוד געשריבען, אַז מען צווינגט איהם צו דינען אַנדערע געטער" (מ. בער). מיט איין וואָרט, די פערצייטיגע פעלקער האָבען געגלויבט, אַז אין הימעל געפינען זיך פיעל רעגירונגען, און די פראַגע איז, ווי האָט זיך ענטוויקעלט די אידעע פון בעזונדערע געטער־מלוכות מיט צענטראַליזירטע רעגירונגען?—די אורזאַכע דערפון איז געווען—די אויסבילדונג פון בעזונדערע פעלקער און נאַציאָנען.

די פערצייטיגע מענשהייט איז געווען אײַנגעטיילט אין בעזונדערע קליינינקע משפחות און שבטים, וואו די מיטגליעדער זענען געווען צווישען זיך נאָהענטע קרובים און פערבונדען איינער מיט דעם אַנדערען דורך „אייגען בלוט". דיזע קליינינקע משפחות, סיי זיי האָבען געפיהרט אַ וואַנדער־לעבען, בעשעפטיגענדיג זיך מיט פאַסטוכעריי סיי זיי זענען געזעסען אויף איין אָרט, בעשעפטיגענדיג זיך מיט ערד־אַרבייט, האָבען געפיהרט אַ קאָמוניסטישען געזעלשאַפט־לעבען און זענען געווען פרעמד און אָבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. „דיזע ערד־אַרבייטענדע געמיינדען—זאָגט קאַוטסקי—אויך ווי יענע שבטים און משפחות, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פאַסטוכעריי, האָבען געלעבט גאַנץ זעלבסטשטענדיג און זענען געווען גאָר אונאָבהענגיג פון דער אויסענווייניגסטער וועלט. די געמיינדע פלעגט אַליין פראָדוצירען אַלץ, און וואָס איהרע מיטגליעדער פלעגען זיך נויטיגען. אָט דעריבער איז יעדע געמיינדע געווען פאָלקאָם אָבגעזונדערט פון אַלע אַנדערע. וועגען אַ געוויסע נאַציאָנאַלע אייגהייט, אַפילו וועגען אַן אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע שפראַך, האָט דאַמאָלסט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. די עקאָנאָמישע אײַנגעשלאָסענקייט און אָבגעזונדערקייט האָט מיטגעווירקט אין דער ריכטונג, אַז ביי בעזונדערע משפחות און געמיינדען האָבען זיך אויסגעבילדעט בעזונדערע פאָרמען פון שפראַכליכע אויסדריקען און אַפילו בעזונדערע שפראַכען". די פערהעלטניסען פון דעם דאַמאָלסטיגען לעבען זענען אַלזאָ געווען אַזוי: אין יעדער געמיינדע גופא זענען די מיטגליעדער געווען איינער מיט דעם אַנדערען קרובים, „אייגען־בלוט", און האָבען געלעבט צווישען זיך קאָמוניסטיש; אָבער די בעציהונגען צווישען בעזונדערע געמיינדען זענען געווען אַזוי, אַז יעדע געמיינדע איז געווען פרעמד, אָבגעזונדערט און אָפטמאָל העכסט פיינדליך צו אַלע אַנדערע. נאָר אויף דערויף האָט זיך די מענשליכע ענטוויקלונג ניט אָבגעשטעלט, און ביסלעכווייז־ביסלעכווייז האָבען זיך דיזע אָבגעזונדערטע געמיינדען פעראייניגט אין פעלקער און האָבען אויסגעבילדעט גאַנצע נאַציאָנאַלע קערפערשאַפטען.

די געזעלשאפטליכע אומבייטונג האט זיך אנגעהויבען דורך די אויסבילדונג פון מעהר אדער ווייניגער גרויסע מלוכות אונטער דער מאכט און הערשונג פון שטרענג צענטראליזירטע רעגירונגען.

אזעלכע מלוכות האבען זיך אויסגעבילדעט דורך צוויי הויפט-אורזאכען; 1) דער קאמפף געגען דעם אויסענוועניגסטען פיינד; עטליכע נאהענטע ערד-ארבייטענדע געמיינדעס זענען געצוואונגען צו פעראייניגען זיך אין איין פאליטישען קערפער, כדי מיט די פעראייניגטע קרעפטען בעסער צו בעשיטצען זיך געגען דעם אלגעמיינעם פיינד, און 2) דער קאמפף געגען דער נאטור: די ערשטע ערד-ארבייטענדע געמיינדעס פלעגען זוכען צו בעזעטצען זיך אויף די ברעגען פון גרויסע טייכען, וואו די ערד איז מעהר פרוכטבאר. אבער כדי די ערד-ארבייט זאל געבען גוטע פרוכטען, פלעגט מען מוזען רעגולירען די געוויסערען (די פאנאנדערגיסונג פון די טייכען) און בויען ערד-וואלען, קאנאלען א. ד. ג. דאס אלץ האט געפאדערט, אז די ארבייט זאל פארקומען אין ברייטע געגענדען, זי זאל זיין רעגולירט און שטרענג ארגאניזירט, און אויף דיזען גרונד איז אויסגעוואקסען די נויטווענדיקייט פון א מלוכה מיט א צענטראליזירטע רעגירונג.

די בעזונדערע געמיינדעס האבען זיך אלזא פעראייניגט אונטער דער מאכט פון איין צענטראלער רעגירונג. ווער איז אבער געווען דער רעגירער? — „די רעגירונג פון די ערשט אויסגעבילדעטע מלוכות — זאגט קאוטסקי — איז געווען אין די הענד ניט פון איינצעלנע מענשען, נאר אין די הענד פון א גאנצע געמיינדע, וועלכע האט זיך געפונען אין בעסערע בעדינגונגען און האט געוועלטיגט איבער אלע אנדערע געמיינדעס”. די מאכט פון דער הערשענדער געמיינדע האט אלץ מעהר און מעהר געוואקסען. „וואס אפטער עס פלעגען פארקומען מלחמות, וואס שווערער עס פלעגען זיין די ארבייט צו רעגולירען די געוויסערען פון טייך, אלץ מעהר בעדייטונג און קראפט האט די הערשענדע געמיינדע געמוזט בעקומען איבער די איבריגע געמיינדעס. די צאהל פון די ארבייטער און פראדוקטען, וואס יעדע געמיינדע פלעגט מוזען צו שטעלען, האט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט און אריין אין דער געוואהנהייט, אזוי אז די געמיינדעס פלעגען מוזען צאהלען די שטייערען אפילו אין דער צייט, ווען די ארבייט ארום דעם טייך אדער די בעשיטצונג געגען דעם שונא איז שוין געווען ניט אזוי נויטיג. אין דער זעלבער צייט האט אלץ מעהר געוואקסען די צאהל פון די געמיינדעס, ווייל די רעגולירונג פון די געוויסערען האבען געמאכט די ערד פיעל מעהר

פרוכטבאַר, אויף אַזאַ אופן איז ביסלעכווייז אויסגעקומען, אַז די צאָהלונגען פון די פעראייניגטע געמיינדעס האָבען געבראַכט פיעל איבעריגע אַרבייטס־קראַפט און פראָדוקטען, וועלכע די צענטראַלע מאַכט, די רעגירונג, האָט געקענט אויסניצען פאַר זיך אַליין, פאַר אידהרע אייגענע בעדערפנישען און אינטערעסען. דערפון האָט די הערשענדע געמיינדע זיך בעפרייט פון אַרבייט, און האָט אויסגעבילדעט אַן אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז בעשטאַנען פון קריעגס־לייט, אַרהיטעקטאָרען און אַסטראָנאָמען".

אָבער דערמיט אַליין וואָס אין לאַנד האָט זיך אויסגעבילדעט אַ צענטראַלע מלוכה, האָבען זיך די בעזונדערע געמיינדען נאָך ניט פעראייניגט אין איין נאַציאָנאַלען קערפער, ווייל זיי האָבען מעהר ניט געוואוסט ווי פון צאָהלען שטייערען דער הערשענדער געמיינדע, אָבער קיין נאָהענטער פערקעהר איז צווישען זיי ניט געווען און זיי זענען געבליבען פרעמד איינע צו די אַנדערע. „די בעזונדערע קאָמוניסטישע ערד־אַרבייטענדע געמיינדעס — זאָגט ווייטער קאַוטסקי — זענען געווען זעלבסשטענדיג און יעדע בעזונדער האָט געלעבט פאַר זיך אַליין; די פאָרם פון זייער פראָדוקציאָן איז אין דעם משך פון פיעלע יאָהר הונדערטען שטענדיג געבליבען אַלץ די זעלביגע און דע־ריבער האָבען זיך אויך ניט אומגעביטען זייערע סאָציאַלע פערהעלטנישען... כדי צו בעשאַפען אַ ווירקליכען נאַציאָנאַלען לעבען, איז געווען נויטיג צו צושטערען די עקאָנאָמישע אָבגעזונדערקייט פון די געמיינדעס, אַזוי אַז די אָרגאַניזאַציע פון דער מלוכה זאָל ווערען איין געזעלשאַפטליכער קערפער, וועלכער רעגולירט דעם גאַנצען עקאָנאָמישען לעבען פון פאָלק. דאָס איז געשעהען, ווען די פראָדוקציאָן פון סחורות און דער האַנדעל בכלל האָט דערגרייכט אַ הויכע מדרגה, אַזוי ווי עס איז פאָרגעקומען אין די מזרח־לענדער פון אַלטערטום. דער האַנדעל האָט זיך דערהויפט ענטוויקעלט אין די פונקטען, וואו עס האָט זיך געפונען די צענטראַלע רעגירונג; דאָרט האָט זיך אויסגעבילדעט אַ מאַרק פאַר די פראָדוקטען פון די אָרטיגע בעלי־מלאכות און פאַר די סחורות, וועלכע קומען פון ווייטע געגענדען". דער ענטוויקעלטער האַנדעל און פערקעהר האָט אַלזאָ מיטגעווירקט פון איין זייט צו צובּרעכען די אָבגעזונדערטקייט פון די בעזונדערע געמיינדעס און צו פעראייניגען זיי אין איין געזעלשאַפטליכען קערפער און פון דער אַנדער זייט צו פערשטאַרקען די מאַכט און בעדייטונג פון דער הערשענדער געמיינדע, וועלכע איז געוואָרען דער מיטעלפונקט פון דעם מאַטעריאַלען און גייסטיגען פאָלקס־לעבען —

אָט אויף דיזע גרונד האָבען זיך אויסגעבילדעט בעזונדערע נאַציאָ־נען, און צוזאַמען מיט דעם איז פאָרגעקומען אַ פערענדערונג אין די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען פון די פאָלקס־מאַסען.

כל־זמן די בעזונדערע געמיינדעס האָבען זיך נאָך ניט פעראייניגט און צונויפגעגאָסען אין איין נאַציאָנאַלען קערפּער, זענען נאָך קיין שום פערענדערונגען אין די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען ניט פאָרגעקומען. יעדע געמיינדע האָט זיך געהאַט אירע געטער, צווישען וועלכע דער הויפּט־גאָט איז געווען אַ פּראָיענציטער אָדער אַ מאַנספּערזאָן, אַלס די ערשטע מוטער אָדער דער ערשטער פאָטער פון דיזער משפחה. דער גאַנצער נייעס וואָס איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אין דער רעליגיאָן דורך די אויסבילדונג פון דער מלוכה איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס דער הויפּט־גאָט פון דער הערשענדער געמיינדע האָט זיך אָנגעהויבען רעכענען אויך פאַר דעם הויפּט־גאָט פון אַלע פעראייניגטע געמיינדעס, פאַר זייער העהשער און בעשיטצער. דיזע פאָרם פון דער רעליגיאָן האָט זיך געהאַלטען זעהר אַ לאַנגע צייט, ווייל די בעזונדערע געמיינדעס, האָטש זיי זענען געווען פּאָליטיש פעראייניגט אין איין מלוכה, זענען זיי דאָך הונדערטער יאָהרען נאָכאַנאַנד געבליבען עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיג און אָבגעזונדערט.

אָבער מיט דער ענטוויקלונג פון האַנדעל און פערקעהר האָבען זיך די פערהעלטניסען צווישען בעזונדערע געמיינדעס שאַרף אומגעעביטען. יעדע געמיינדע בעזונדער האָט אָנגעוואָרען איהר זעלבסטשטענדיגקייט און האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירען אַלס אַ בעזונדערע קהילה. אַלע געמיינדעס האָבען זיך צונויפגעשמאָלצען אין איין נאַציאָן אונטער דער מאַטעריאַלישער און מאָראַלישער ווירקונג פון דער אַריסטאָקראַטיע, ד. ה. פון דער געוועזענער הערשענדער געמיינדע. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען מיט בעזונדערע געטער פון די געמיינדעס, זיי האָבען זיך אויסגעמישט אין איין מהנה פון רוחות און גייסטער אונטער דער מאַכט און הערשאַפט פונ'ם הויפּט־גאָט פון דער הערשענדער געמיינדע. און אַזוי ווי די ענטוויקלונג פון די אַמאָליגע צענטראַליזירטע מלוכות איז געגאַנגען צו אַ דעספּאָטישער זעלבסטהערשונג, דורך וועלכע אַלע אונטערטהאַנער ווערען איינפאַכע קנעכט פון דעם קעניג — אַזוי איז אויך געגאַנגען די ענטוויקלונג פון דער געטער־געזעלשאַפט צו אַ דעספּאָטישער זעלבסט הערשונג: דער הויפּט־גאָט איז אַלץ מעהר געוואָרען דער איינציגער דעספּאָטישער רעגירער, דער איינציגער „אַלמעכטיגער גאָט“, און אַלע אַנדערע געטער זענען אַלץ נידעריגער אַראָב ביז דער מדרגה פון איינפאַכע מלאָכים און שדים, וועלכע זענען

מעהר ניט ווי „גאָט'ס" קנעכט און משרתים. אָט מיט דיזען גאַנג האָבען זיך אין הימעל אויסגעבילדעט פערשיעדענע מלוכות מיט בעזונדערע זעלבסט־הערשענדע אָדער קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונגען. דאָ הערשט „יעהאָוואַ", דאָרטען „בעל", אין איין אָרט „צעאוס" און אין אַנדערען „יופּיטער". יעדעס פאָלק פון אַלטערטהום האָט פעסט געגלויבט, אַז עס עקסיסטירען די אַלע געטער פון אַלע אַנדערע פעלקער פונקט אַזוי ווי זיינע אייגענע געטער, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס זיין אייגענער גאָט איז געוועהנליך שטאַרקער, קלוגער און בעסער איידער די געטער פון אַנדערע פעלקער...

איצט וועלען מיר געהן נאָך ווייטער אין דער היסטאָריע און קומען צום ענדע פון אַלטערטהום, אין דער צייט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען פערשפּרייטען דער „מאָנאָטעאיסטישער" גלויבען, און מיר וועלען זעהען ווי אַזוי עס האָט זיך אין הימעל אויסגעבילדעט פון פ י ע ל ע געטער־מלוכות א י י ן מלוכה מיט איין צענטראַלע רעגירונג אונטער די הערשאַפט פון איין „אַלמעכטיגען" גאָט.

די בעציהונגען צווישען די בעזונדערע נאַציאָנען אין דעם משך פון פיעלע יאָהר־הונדערטען, זינד ווי האָבען זיך אויסגעבילדעט, זענען געבליבען די זעלביגע, ווי די בעציהונגען צווישען בעזונדערע געמיינדעס אין די פאַרצייטיגע דורות, ד. ה. יעדע נאַציאָן איז זיך געבליבען אַ בעזונדערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קערפּערשאַפט און איז געווען פרעמד און אָבגעזונדערט פון אַלע איבריגע נאַציאָנען. דער האַנדעל און די פערקעהרס־מיטלען זענען נאָך געווען זעהר ווייניג ענטוויקעלט און דעריבער זענען די פערהעלטניסען צווישען בעזונדערע נאַציאָנען געוועזען מעהר פ י נ ד ל י ך איידער פריינדליך, און מלחמות צווישען זיי פלעגען קיינמאָל ניט אויפהערען. נאָר צום ענדע פון אַלטערטהום האָבען זיך דיזע פערהעלטניסע שאַרף אומגעביטען — און דאָס איז פאָרגעקומען אונטער דער מאַכט און ווירקונג פון דער ר ו י מ י ש ע ר מלוכה. דיזע מלוכה איז אין יענער צייט געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט אַרומגענומען כמעט די גאַנצע דאַמאָלסט בעקאַנטע וועלט; עס איז אין יענער צייט כמעט ניט געווען ניט איין לאַנד, וואָס זאָל זיך ניט רעכענען פאַר אַ פּראָווינץ פון דעם גרויסען ר ו י ם און ניט איין פאָלק, וואו די מענשען זאָלען ניט זיין פערעכענט פאַר קנעכט און אונטערטהאַנער פון דעם אַלמעכטיגען רוימישען קיסר. דאָס איז פון איין זייט; אָבער פון דער אַנדער זייט האָט די דאַמאָלסדיגע רוימישע מלוכה געפירט אַ וועלטענע פּאָליטיק צו פ ע ר א י י נ י ג ע ן און פערבינדען

אַלע פערשידענע פעלקער און די אָבגעזונדערטע נאַציאָנען, און דאָס האָט איהר געלונגען אויסצופיהרען אויף דעם בעסטען אופן.

דעללינגער („היידענטהום און יודענטהום") זאָגט וועגען דער קולטורעלער ראָליע פון דער רוימישער מלוכה פאָלגענדעס:

„די פּאָליטיק פון די רוימישע קסרים צו צוברעכען די נאַציאָנען, וועניגסטענס אָבצושוואַכען דעם אונטערשיעד צווישען זיי, האָט געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג. ווי אין די מזרח־לענדער אַזוי אויך אין די מעריב־לענדער איז פערשוואונדען די קראַפט פון אָבגעזונדערטקייט, וועלכע האָט ביז איצט געהאַלטען פערשידענע פעלקער אין פיינדליכע בעציהונגען איינע צו די אַנדערע. נאָר צוויי פעלקער האָבען זיך געשטעלט געגען דיזען פּראָצעס פון אַסימיליאַציע — די אידען און עגיפּטער". „אָבער אויך דאָרטען האָט געהערשט דער „העלעניזם", ד. ה. די גריכישע שפּראַך מיט דער גריכישער קולטור, וועלכע איז צו יענער צייט געוועזען פעסט פערבונדען מיט דער רוימישער קולטור און אין געוויסע הינזיכטען זענען דיזע ביידע קולטורען געוועזען אַפילו צוזאַמענגעגאָסען און צונויפגעשמאָלצען".

„רוים — זאָגט ווייטער דעללינגער — האָט געהערשט איניגוויינינג אין זיין אונגעהויער ברייטער מלוכה ניט מיט דעם אַרט און מיטלען פון אַ מיליטערישען אָדער ביוראָקראַטישען דעספּאָטיזם, וועלכער איז שטענדיג אונגלויביג, קוקט אויף אַלץ מיט אַ חשד און זעהט אַריינצושטעקען זיין נאָז אין יעדען ווינקעלע, אין יעדער זייט פון לעבען. זיין הויפּט היל, זיינע לעגיאָנען האָבען זיך דער עיקר געפונען אַרום די גרענעצען צו בעשיצען דאָס לאַנד פון דעם אויסענווענינגסטען פיינד, אָבער גופא אין לאַנד האָט זיך געפונען גאַנץ וועניג מיליטער. אין גאַנץ גאַלליען (די היינטיגע פראַנקרייך) האָבען זיך געפונען מעהר ניט ווי 1200 רוימישע סאָלדאַטען, אין גאַנץ קליין־אַזיען האָט זיך ניט געפונען ניט איין רוימישער סאָלדאַט, און אין די גרויסע שטעדט איבערהויפּט האָט זיך ערגעץ ניט געפונען קיין שום רוימישע היל. אָט דעריבער זענען טאַקי געוועזען געדעכט די שריפטשטעלער פון יענע צייטען, וועלכע האָבען מיט שטאָלץ גערעדט וועגען דעם „גרויסען רוימישען פרידען" און בעצוונגען די רוימישע רעגירונג אַלס די בעשיצערין פון דער „וועלט־רוהע", ווייל אין יענער צייט האָט טאַקי געהערשט אַן אַלגעמיינע רוהע און פרידען, וועלכער האָט בעווירקט אַ פריידליכען און פריינדליכען פערקעהר צווישען פערשידענסטע פעלקער און ווייטסטע געגענדען פון דיזער אונגעהויער ברייטער מלוכה. די רעגירונג איז אין די פריהערדיגע צייטען געוועזען געצוואונגען צו

בּויעֶן גוּטעֶ װעֶגעֶן און שאָסעֶען צוּלִיעבּ אִיהר מִילִיטעֶר, און אִיצט האָבּעֶן דִיזעֶ װעֶגעֶן געֶדִיענט פאַר דעֶם גִיכסטעֶן און זִיכעֶרסטעֶן פעֶרקעֶהר צװִישעֶן פעֶרשִיעדעֶנעֶ נאַציאָנעֶן".

דִיזעֶ נײַעֶ בּעֶצִיהוּנגעֶן צװִישעֶן דִי פעֶלקעֶר, דעֶר אִינטעֶרנאַציאָנאַלִיזם, װעֶלכעֶר האָט זִיך צוּ יעֶנעֶר צײַט עֶנטװִיקעֶלט, האָט זִיך געֶמוּזט אָפּשפִּיגלעֶן אִין דִי רעֶלִיגיעֶזעֶ אִידעֶען און פאָרשטעֶלוּנגעֶן פוּן דעֶר מעֶנשהײט, און עֶר האָט זִיך נאַטִירלִיך אָפּגעֶשפִּיגעֶלט אִין דעֶר זעֶלבִּיגעֶר פאָרם, אִין װעֶלכעֶר עֶס האָבּעֶן זִיך געֶפוּנעֶן דִי דאַמאָלסדִיגעֶ געֶזעֶלשאַפטלִיכעֶ פעֶרהעֶלטנִיסעֶן, ד. ה. אִין דעֶר פאָרם פוּן דעֶר רוימִישעֶר מלוּכה. אָנשטאָט פִיעלעֶ מלוּכות, האָט זִיך אִין הִימעֶל אויסגעֶבִּילדעֶט אײן אַלגעֶמײנעֶ שטרעֶנג צעֶנטראַלִיזִירטעֶ מלוּכה, אוּנטעֶר דעֶר זעֶלבּסטהעֶרשעֶנדעֶר רעֶגִירוּנג פוּן אײן גאָט, װעֶלכעֶר האָט פעֶרנִיכטעֶט אַלעֶ הִימלִישעֶ קעֶנִיגעֶן און אִיז געֶװאָרעֶן דעֶר „אײנצִיגעֶר" העֶרשעֶר אִין גאַנצעֶן הִימעֶל אִיבּעֶר אַלעֶ מִיליאָנעֶן און מִיליאַרדעֶן מלאָכים, רוּחות און שדים, מִיט זײַן „פמליא של מעלה", מִיט זײַן „כּסא הכּבוד", מִיט אײן װאָרט, פוּנקט װי נעֶראָן, קאַלִיגוּלאַ און אַלעֶ אַנדעֶרעֶ רוימִישעֶ קיסרים.

אָט אִין דעֶם בּעֶשטעֶהט דִי עֶנטװִיקלוּנג פוּן דִי רעֶלִיגיעֶזעֶ אִידעֶען און פאָרשטעֶלוּנגעֶן בּײַ דִי פאָלקס־מאַסעֶן, און אַז אַזאַ עֶרקלעֶרוּנג שטִימט זִיך אײן מִיט אַלעֶ הִיסטאָרִישעֶ פאַקטעֶן פוּן דעֶר רעֶלִיגיאָן, קעֶן זִיך יעֶדעֶרעֶר לײַכט אִיבּעֶרצײַגעֶן, לײעֶנעֶנדִיג דִי קוּלטוּר־געֶשִיכטעֶ פוּן יעֶדעֶן פאָלק. דִי רעֶלִיגיאָן בּעֶשטעֶהט אַלזאָ אִין דעֶם גלויבּעֶן אִין רוּחות און גײַסטעֶר, און אִיהר עֶנטװִיקלוּנג כאַראַקטעֶרִיזִירט זִיך מִיט דִי אוּמבּײַטוּנגעֶן, װעֶלכעֶ זעֶנעֶן פאָרגעֶקוּמעֶן אִין דִי פעֶרהעֶלטנִיסעֶן צװִישעֶן דִיזעֶ רוּחות און גײַסטעֶר. — אָבּעֶר קעֶן מעֶן דעֶן זאָגעֶן, אַז דִי רעֶלִיגיאָן בּעֶשטעֶהט נאָר פוּן דעֶם, און מעֶהר האָט זִי אִין זִיך גאָר נִישט?

דִי רעֶלִיגיאָן, װעֶלכעֶ אִיז געֶשִילדעֶרט אויף אַזאַ אַרט, װײַזט אויס זעֶהר טרוּקעֶן, אײנפאַך און האַרט; נִיטאָ קײן פּאָעֶזיעֶ, נִיטאָ קײן פאַנטאַזיעֶ, נִיטאָ קײן טִיעפעֶ אִידעֶען און הויכעֶ פאָרשטעֶלוּנגעֶן, — אָבּעֶר צוּ אִיז רִיכטִיג אַזױ? װעֶנִיג האָבּעֶן מִיר פאַקטעֶן אִין דעֶר הִיסטאָרִיעֶ, װאוּ דִי רעֶלִיגיאָן דעֶרהויבּט דעֶם מעֶנשעֶן, גִיסט אָן זײַן האַרץ מִיט הײסעֶ געֶפִיעלעֶן און דעֶרװאַרעֶמט אִיהם מִיט אַ טִיעפעֶ, רײנעֶ לִיעבּעֶ צוּ גאָט, צוּ דעֶר נאַטוּר און דעֶר מעֶנשהײט? װאוּ אִיז יעֶנעֶ טִיעפעֶ

רעליגיעזע התלהבות, וועלכע ערפילט דעם גלויביגען מענשען און מאַכט איהם גאַנץ אָפט אַזוי מוטהיג און העלדיש, אַז ער איז שטענדיג גרייט מקריב צו זיין זיין לעבען פאַר דער היילינגער אידעע, צו וועלכער ער איז צוגעבונדען מיט דער גאַנצער לייב און לעבען? וואו זענען די אידישע נביאים — יענע זעלטענע העלדען, וועלכע די מענשליכע היסטאָריע האָט אֶפשר איין מאָל געזעהען — וואָס האָבען מיט דעם גרעסטען מוטה געקעמפפט פאַר אֶמת און גערעכטיגקייט אין דעם נאָמען פון רעליגיאָן? וואו זענען די טיעפע פילאָזאָפישע און מאָראַלישע לעהרען פון „בודאַ" און „זאַראַטוסטראַ"? וואו איז יענע טיעפע, ריינע און אֶמת'ע גאָטס־פאָרכטיגקייט, וועלכע האָט בעגייסטערט די מענשהייט אין דער צייט פון מיטעלאַלטער און איז געווען דער איינציגער קוואַל פאַר די געניאַלע שאַפונג פון די דאָמאַלסדיגע דענקער און קינסטלער? וואו זענען די אַלע זעלטענסטע געביידען, קינסטליכע בילדער און טיעפסטע פּאָעטישע ווערק, וועלכע זענען בעשאַפען געוואָרען אין דעם נאָמען פון גאָט, צוליעב דער רעליגיאָן? — קען מען דען זאָגען, אַז דיזע אַלע ערהאַבענסטע אידעען האָבען זיך גענומען פון דעם גלויבען אין גייסטער און רוחות און פון דעם שרעק פאַר זיי? קען מען דען זאָגען, אַז איהר ענטוויקלונג האַראַקטעריזירט זיך נאָר מיט די אומבייטונגען און פערהעלטניסען צווישען זיי? — ניין, די רעליגיאָן דאַרף זיין עפּעס אַ העכערע אידעע און אַ טיעפערער געפיהל, און איהר ענטוויקלונג דאַרף זיך האַראַקטעריזירען מיט אַנדערע אייגענשאַפטען!

אַזעלכע טענות האָבען אַ ריכטיגען גרונד, ווייל די היסטאָרישע פאַקטען פון רעליגיעזען לעבען פון דער מענשהייט בעווייזען, אַז זיי זענען ווירקליך גערעכט. ווי זשע ערקלערט זיך דיזער ווידער־שפרונג? — דער תירוץ איז, אַז מיר דאַרפען איצט איבערקעהרען די רעליגיאָן אויף דער אַנדערער זייט, ד. ה. מיר דאַרפען זי איצט נעהמען אַזוי, ווי זי האָט זיך אָבגעשפיגעלט אין די אידעען פון די אויבערשטע שיכטען פון דער מענשהייט, פון דער דענקענדער אינטעליגענץ, און דאָ, פערשטעהט זיך, בעקומט די רעליגיאָן גאָר אַ'ן אַנדער פאָרם און ענטוויקעלט זיך מיט אַ'ן אַנדער גאַנג.

מאַקס מיללער האָט געגעבען איינע פון די גלענצענדסטע טעאָריעס, וועגען דער ענטוויקלונג פון רעליגיאָן פון דיזער אַרט. מיר וועלען זיך אויף דיזער טעאָריע אָבשטעלען, געדענקענדיג נאָר, אַז דאָרט וואו מ. מיללער בריכט דאָס וואָרט „רעליגיאָן" בכלל און

"מענשהייט" בכלל, דאַרפען מיר אונטער דעם פאַרשטעהן די רעליגיאָן פון די אויבערשטע שיכטען, פון דער מענשליכער אינטעליגענץ.

III.

רעליגיאָן און פּאָעזיע.

דער געניאַלער שפּראַכפאָרשער מאַקס מיללער, וועלכער האָט שטודירט פערשידענע רעליגיאָנען אויף ווי פיעל זיי זענען פאַרצייכענט אין די "הייליגע ביכער" און אויף ווי פיעל זיי שפּיגלען זיך אָב אין די פּאָעטישע און פילאָזאָפישע ווערק פון די אַמאָליגע און היינטיגע פעלקער, איז נאַטירליך געקומען צו אַן אַנדער שלוס וועגען דעם אינהאַלט און ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער רעליגיאָן. פון די אויספיהרונגען, וועלכע ער מאַכט, קומט אויס, אַז דער עיקר פון רעליגיאָן בעשטעהט ניט אין דעם גלויבען אין געטער און אין דעם שרעק פאַר זיי; פאַרקעהרט, "רעליגיאָן" און "גאָט" זענען ניט נאָר צוויי בעזונדערע זאַכען, נאָר די רעליגיאָן האָט שוין לאַנג עקסיסטירט איידער אויף דער וועלט האָבען זיך געפונען נאָך וועלכע עס איז געטער. די רעליגיאָן אין אַלע איהרע פאָרמען איז דערהויפּט אַ טיעפער פּאָעטישער געפיהל, וועלכער נעהמט זיך פון די עסטעטישע (שענקייט) און גייסטיגע בעדערפנישען, וואָס ליגען אין מענשענס נאַטור. אין יעדעס מענשליכעס האַרץ — זאָגט מ. מילער — ליגט איינגעגראָבען אַ טיעפער געפיהל, וועלכען מען קען אָנרופען שוואַכקייט, אָבהענגיגקייט, אונבעפרידיגטקייט אָדער מיט אַ וועלכען עס איז אַנדער נאָמען, און ער דריקט זיך אויס ביי איהם אין אַ מין פערלאַנג נאָך אַ פאָטער, נאָך אַ פריינד און פיהרער, אָדער אין אַ מין הערצליכער צוגעבונדענקייט צו אַ מענשען, צו דער מענשהייט אָדער צו דאָס, וואָס איז נאָך העכער איידער די מענשהייט אַליין. אין די קינדער־יאָהרען פון דער מענשהייט האָט זיך דיזער געפיהל אויסגעדריקט אין אַ קינדישע פאָרם. ווען די מענשהייט איז שוין געוועזען אין מענשליכען עלטער, האָט ער זיך אויסגעדריקט אויף אַ מענשליכען אופן — און בכלל קען מען איהם כאַראַקטעריזירען אַלס דעם בעגריף און שטרעבונג צו דער אונענדליכקייט". אָט דאָס איז רעליגיאָן אין ריכטיגען זינען און זי איז געמיינזאַם אַלע מענשען, סיי דער מענש האָט אַ בעשטימטע פאָרשטעלונג וועגען "גאָט" אָדער "געטער", סיי קיין געטער עקסיסטירען פאַר איהם

ניט. דער נאָמען „גאָט" אָדער „געטער" איז מעהר ניט ווי אַ אויסענווענינגסטער אויסדרוק פון דעם אינווענינגסטען רעליגיעזען געפיהל, מעהר ניט ווי אַ מאַנטעל, אין וועלכען די שטרעבונג צו דער אונענדליכקייט וויקעלט זיך איין".

דיזער געפיהל, דיזע שטרעבונג — זאָגט מאַקס מילער — איז ניט קיין מעטאַפיזישע זאַך; די אונענדליכקייט — דאָס איז אַ רעאַלער בעגריף און ער נעהמט זיך פון דעם זעלבען גרונט, פון וועלכען עס נעהמען זיך אַלע מענשליכע בעגריפען און געפיהלען, ד. ה., פון דער אויסענווענינגסטער וועלט דורך אונזערע פינף חושים. אמת, דורך אונזערע חושים בעגרייפען מיר שטענדיג זאַכען, וועלכע זענען „ענדליך", ד. ה., וועלכע האָבען אַן אָנהויב און אַ סוף — אָבער דורך דאָס ענדליכע, וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים, פיהלען מיר שטענדיג דאָס אונענדליכע. ווען מיר קוקען אין דער ווייטען און אונזער אויג נעהמט אַרום דעם ווייטסטען גרענעץ, דאַן איז דיזער גרענעץ, וואָס בעשטימט פון איין זייט דאָס ענדליכע, פון דער אַנדערער זייט אָבער אָפען פאַר דאָס, וואָס פאַר דעם אויג איז אונענדליך. „דער מענש — זאָגט מילער — זעהט, אָבער ער זעהט שטענדיג נאָר ביז אַ געוויסען פונקט, און דאָרט, וואו זיין זעה־קראַפט געהט ניט ווייטער און ברעכט זיך איבער, הייבט ער אָן צו פיהלען, ער מעג דאָס וועלען אָדער ניט, דעם דרוק פון דער אונענדליכקייט. דורך דעם ווערט ביי איהם געבוירען אַ שטרעבונג צו בעפרייען זיך פון דיזען דרוק, אָבצורייסען איהם פון זיך, דורכברעכען דעם גרענעץ און אַריינדרינגען ווייט—ווייט אין דער טיעפער אונענדליכקייט. און אָט דיזעס שטרעבען צו בעגרייפען דאָס אונבעגרייפליכע און צו זעהען דאָס אונזיכטבאַרע — אָט דאָס איז דער טיעפסטער גרונד פון יעדער רעליגיאָן".

דער אינהאַלט פון רעליגיאָן איז אַלזאָ דער געפיהל פון אונענדליכקייט און די שטרעבונג צו איהר. אָבער דיזער געפיהל, דיזע שטרעבונג צו בעגרייפען דאָס אונבעגרייפליכע און צו זעהען דאָס אונזיכטבאַרע, קען ניט בלייבען אינעווענינג, אין דעם מענשען, טיעף פערגראָבען ביי איהם אין האַרץ, נאָר ער מוז זיך אַרויסווייזען ד. ה. ער מוז זיך אין עפּעס אויסדריקען.

עס פערשטעהט זיך, אַז דיזער געפיהל קען זיך אויסדריקען אויף פערשידענע אופנים. „די טיעפע ענטציקונג, מיט וועלכער דער פאָלינעזישער שיפער קוקט אויף דעם אונענדליכען ברויזען פון ים, דאָס פריינד־געשריי, מיט וועלכען דער אַרישער

פאַסטוך בעגריסט דעם אָנהויב פון פריה־מאָרגען, די אָטעמלאָזע שטילקייט פון איינזאַמע וואַנדערער אין מדבר ביים לעצטען, שייַדענדען שטראַהל פון דער זון, ווען ער פערשליסט זיינע מידע אויגען אין טיעפען הימעל און טראָגט אַריבער זיינע טרוימענדע געדאַנקען אין ווייטען היים — דאָס אַלץ זענען פערשיעדענע פאָרמען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס איינער און דער זעלבער געפיהל, דאָס אַלץ זענען פערשיעדענע נגונים, וועלכע עס שפּיעלט איינע און די זעלבע סטרונע".

נאָר פאַר דעם מענשען איז נאָך ווייניג, וואָס ער פיהלט אין זיך דעם דרוק פון דער אונענדליכקייט און וואָס ער ווייזט אַרויס דיזען געפיהל אויף פערשיעדענע אופנים. דער מענש מוז זיך פאָרשטעלען צו וואָס ער שטרעבט, וועלכע זאַך ציהט איהם צו זיך און ווי רופט זיך דיזע זאַך, — און אָט דיזעס שטרעבען, דיזער פערלאַנג פאָרצושטעלען זיך דיזע זאַך און אָנרופען דאָס מיט אַ בעשטימטען נאָמען — אָט דאָס האָט גע־צוואונגען די מענשהייט צו בעשאַפען זיך געטער. דער איניהאַלט פון רעליגיאָן, דער געפיהל פון אונענדליכקייט, איז אומעטום איינס און דער זעלבער, אָבער די געטער זענען גאַנץ פערשיעדען, ווייל יעדעס פאָלק האָט זיך אויסגעדריקט דיזען געפיהל און פאָרגע־שטעלט זיך דיזע זאַך אויף זיין אַרט און נאָך דעם צושטאַנד פון זיין ענטוויקלונג. „די רעליגיאָן — זאָגט ווייטער מ. מילער — ליגט אין דער לופט, און יעדערער אָטעמט פון איהר אַריין אַזוי פיעל, ווי פיעל ער בעדאַרף צו זיין לעבען. אַלע פעלקער זענען געגאַנגען מיט דיזערע איינענע וועגען איבערן מדבר, זוכענדיג דאָס אונענדליכע. פאַר גע־וויסע פעלקער בעוויזט עס זיך אין די ערשיינונגען פון דער נאַ־טור; ביי אַנדערע, פערקעהרט, לאָזט עס זיך הערען נאָר אין טיעפסטען גרונט פון מענשליכען האַרץ".

ווי אַזוי האָט די מענשהייט בעשאַפען איהרע געטער?

די רעליגיאָן פון די פאַרצייטיגע פעלקער רופט אָן מ. מי־לער מיט דעם נאָמען „נאַטור־רעליגיאָנען", ווייל די געטער, וועלכע די פערצייטיגע מענשהייט האָט זיך בעשאַפען זענען געוועזען — זאַ־כען (פרעדמעטען) און ערשיינונגען פון דער נאַטור. דער הימעל, די זון, די לבנה, ימים און טייכען, בערג און טהאָלען — דאָס אַלץ זענען געוועזען געטער אין די אויגען פון פערצייטיגע מענשען. אָבער

פאַר וואָס האָט די מענשהײט פערגעטערט אַזעלכע זאַכען און ערשײנונגען?

מ. מילער ענטפערט אויף דערויף אַזוי: די מענשהײט האָט שטענדיג געשטרעבט נאָר צו דער אונענדליכקײט און דאָס איז געווען איהר אמת׳ער גאָט, נאָר אין איהר שטרעבונג צו בעגרײפען, אויסצודריקען איהר אמת׳ן רעליגיעזען געפיהל, האָט זי אין די פערצײטיגע דורות געמוזט אָנהײבען צו פערגעטערן די ערשײנונגען פון דער נאַטור, און שולדיג איז דערינען געווען — די פערצײטיגע שפראַך.

די שפּראַך — ווי יעדען איז בעקאַנט — שפּיעלט די גרעסטע ראָליע אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהײט און זי איז ניט נאָר דער מיטעל, מיט וועלכען דער מענש דריקט אויס זײן געדאַנק, נאָר זי איז שטענדיג פעסט פערבונדען מיט איהם. געדאַנק און שפראַך קען מען קײן מאָל ניט פונאַנדערטײלען: דער געדאַנק איז דער אינעווענינגסטער אינהאַלט פון שפּראַך און די שפּראַך איז די אויסעןווענינגסטע פאָרם פון געדאַנק, און דעריבער ווען מיר דענקען וועגען אַ געוויסער זאַך, קענען מיר דיזע זאַך ניט פאָרשטעלען זיך אָהן איהר נאָמען, ד. ה., אָהן אַ וואָרט, וועלכער זאָל דיזע זאַך בעצײכנען.. אָבער ניט אַלע מאָל איז די פאָרם פונקט צוגעפּאַסט צום אינהאַלט, גאַנץ אָפט טרעפט, אַז די פאָרם איז ניט אַזוי ווי דער אינהאַלט פאָדערט, און דאָס זעלבע איז אויך מיט דער שפּראַך. עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז דאָס וואָרט בעצײכענט ניט פּינקטליך דעם געדאַנק, וועלכען מיר האָבען אין זינען, און דאַן, זאָגט מען, דאַרף מען פערשטעהן דאָס וואָרט ניט בוכשטעבליך. און אָט דורך דעם, וואָס די פערצײטיגע שפּראַך האָט ניט געקענט בעצײכענען פּינקטליך דעם געדאַנק, וואָס מען האָט געהאַט אין זינען, האָבען די פערצײטיגע מענשען אָנגעהויבען צו פערגעטערן אָנשטאָט די אונענדליכקײט — די זאַכען און ערשײנונגען פון דער נאַטור.

די שפּראַך אין די פערצײטיגע דורות איז ניט געווען אַזוי ווײט ענטוויקעלט, ווי די שפּראַך פון אַ הײנטיגען מענשען, און איבערהויפּט צײכענט זיך אויס די פערצײטיגע שפּראַך דערמיט, וואָס קײן „אַבסטראַקטע נעמען“, וועלכע זאָלען בעצײכנען ניט קײן קאָנקרעטע זאַכען און טהעטיגקײטען, נאָר הולע „אַבסטראַקטע בעגרי-

סען"*), האט זי ניט געהאט. דעריבער האט דער פערצייטיגער מענש געקענט בעצייכענען יעדען אַבסטראַקטען בעגריף" נאָר מיט דעם נאָמען פון אַ געוויסער גרייפבאַרער זאַך; צום ביישפיעל, דעם בעגריף „חיה"**) האָט ער געקענט בעצייכנען מיט דעם נאָמען הונד, לייב, וואָלף; דעם בעגריף „פייגעל" האָט ער געקענט בעצייכענען מיט דעם נאָמען הון, גאַנז, ענדיק א. ז. וו.

איצט איז שוין לייכט צו פערשטעהען פאַר וואָס און ווי אַזוי מען האָט אין די פאַרצייטיגע דורות פערגעטערט די זאַכען און די ערשיינונגען פון דער נאַטור.

דער הויך פון דעם אונענדליכען האָט נאַטירליך בעשאַפען ביים מענשען אַ געפיהל און בעגריף פון דער אונענדליכ־קייט, אָבער דיזער בעגריף האָט געקענט זיין נאָר אַנאַבסטראַק-

---

*) אַלע זאַכען, וועלכע דער מענש קען זיך פאָרשטעלען אין זיין געדאַנק און בעצייכענען מיט אַ נאָמען, טיילען זיך איין דער עיקר אין צוויי טיילען: 1) קאָנקרעטע זאַכען און 2) אַבסטראַקטע זאַכען. קאָנקרעטע זאַכען געפינען זיך בעזונדער אין דער נאַטור, און דער מענש קען יעדע זאַך בעזונדער זעהן, הערען, שמעקען, אָנטאַפּען, מיט איין וואָרט, ער קען זיי דערקענען מיט זיינע פינף חושים. פאַראַן אָבער אַזעלכע זאַכען, וועלכע זענען באַזונדער אין דער נאַטור ניטאָ, און וועלכע דער מענש קען זיך דענקען נאָר אַלס אַ בעגריף אָבער ניט אַלס אַ זאַך. למשל, ווייסקייט, שיינקייט, חכמה, אַ אויסבייטונג, אַנ'איבערגאַנג א. ז. וו. זענען באַזונדער אין דער נאַטור ניטאָ; עס קען זיין נאָר אַ זאַך, וועלכע איז ווייס, אַ זאַך וועלכע איז שעהן, אַ זאַך וועלכע בייט זיך אום: אָבער „ווייסקייט" אָהן דער זאַך, וועלכע איז ווייס, אַ „אויסבייטונג" אָהן דער זאַך, וועלכע בייט זיך אום, קען מען בעזונדער אין דער נאַטור ניט זעהען, אַזוי ווי מען זעהט למשל, אַ טיש, אַ הונד, אַ רעגען. דאָס אַלץ זענען „אַבסטראַקטע בעגריפען", ד. ה. מעהר ניט ווי הוילע פאָרשטעלונגען פון מענשען, —און די ווערטער, וועלכע בעצייכנען אַזעלכע אַבסטראַקטע בעגריפען, רופען זיך „אַבסטראַקטע נעמען".

**) דער בעגריף „חיה" איז אויך אַנ'„אַבסטראַקטער בעגריף". אין דער נאַטור איז קיין בעזונדערע „חיה" ניטאָ, נאָר עס איז דאָ אַ לייב, אַ בער, אַ הונד, אַ טיגער, אַ וואָלף אַ פוקס א. ז. וו. פאַרקעהרט, ביי אונז אין קאָפּ, אין אונזער פאַרשטאַנד, קען יאָ עקזיסטירען אַ „חיה" אַלס אַ בעזונדער זאַך, מיר קענען זיך לייכט דענקען אַ פיערפיסיגע „חיה" וואָס זאָל אין דער זעלבער צייט ניט זיין ניט קיין לייב, ניט קיין בער, ניט קיין הונד, נאָר גלאַט אַזוי אַ „חיה", אָהן אַ בעשטימטע פאָרם. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז שוין אַנ'אַבסטראַקטער בעגריף. די זעלביגע זאַך איז אויך מיט דעם אַבסטראַקטען בעגריף „פייגעל" און די ווירקליכע זאַכען—הון, גאַנז, ענדיק א. ז. וו.

טער, ווײַל דער מענש שטרעבט צו דער אונענדליכקײַט, אָבער ער קען זי ניט בעגרײַפען מיט זײַנע חושים. קײן „אַבסטראַקטע נעמען" איז אין דער פערצײַטיגער שפּראַך ניט געווען, און ווען דער מענש האָט געדאַרפט אויסדריקען זײַן רעליגיעזען געפיהל, ד. ה. אָנרופען מיט אַ געוויסען נאָמען די אונענדליכקײַט, צו וועלכער ער האָט געשטרעבט, האָט ער קײן אַנדער נאָמען איהר ניט געקענט געבען ווי דעם נאָמען פון אַ געוויסע קאָנקרעטע זאַך, פון אַ זאַך (פרעדמעט), וועלכע מען קען זעהען, הערען א. ז. וו. אָט דעריבער האָט דער פערצײַטיגער מענש אָנגערופען די אונענדליכקײַט, וועלכע ער האָט געפיהלט און צו וועלכע ער האָט געשטרעבט, דאָס מיט דעם נאָמען „הימעל", דאָס מיט דעם נאָמען „זון", לבנה, שטערען א. ד. ג. מיט אײן וואָרט, מיט דעם נאָמען פון אַזעלכע זאַכען, וועלכע האָבען מיט זייער פראַכטיגען און גלענצענדען אויסזעהען דערמאָנט אָן דער אונענדליכקײַט. דער פערצײַטיגער מענש האָט פערגעטערט די ערשײַנונגען פון דער נאַטור, אָבער אין עצם האָט ער געמײנט ניט זיי; בוקענדיג זיך צו דער זון, קניענדיג זיך פאַר דעם מאָרגענשטערן און ווענדענדיג זיך מיט לויב־געזאַנגען צום הימעל, האָט ער אָבער שטענדיג געמײנט ניט זיי גופא, נאָר די אונענדליכקײַט, וועלכע ער האָט שטענדיג געשפירט אָדער אין זיי אָדער אהינטער זיי. „דער שפּראַך־גײַסט, זאָגט מ. מיללער, האָט געגלויבט, האָטש אויף אײן אויגענבליק, אַז דאָס, וואָס זײַן האַרץ האָט געזוכט, האָט ער געפונען אין בילד פון הימעל. אָבער צו האָט זיך דערמיט דער שפּראַך־גײַסט בעפרידיגט? צו איז די זאַך—הימעל געווען ווירקליך דאָס, נאָך וואָס ער האָט געבענקט, ווירקליך דאָס, וואָס מיר רופען אָן „געטליכקײַט"? געוויס ניט. גלײַך ווי דער נאָמען („הימעל") איז אויסגעשפּראָכען געוואָרען, האָט מען שוין געפיהלט, וועניגסטענס האָבען געפיהלט די, וועלכע קענען ניט נאָר רעדען, נאָר וועלכע דענקען אויך דערבײַ, אַז דאָס וואָס האָט זיך פריהער אויסגעוויזען ווי אַ גליקליכער אײַנפאַל, איז מעהר ניט געווען ווי אַ יאָמערליכער דורכפאַל". אָט דעריבער האָט די פערצײַטיגע מענשהײט פערגעטערט דאָ אײן זאַך, דאָ אײן אַנדערע, הײַנט ווענדט זיך דער מענש פון אַלטערטהום מיט זײַנע תפלות און שירים צו אײן ערשײַנונג, אויף מאָרגען ווענדט ער זיך שוין צו אַן־אַנדערער, און דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער צייכען פון די „נאַטור־רעליגיאָנען".

אין דער צײַט ווען עס האָבען געהערשט די „נאַטור־רעליגיאָנען" האָבען עקסיסטירט צווייערליי געטהײַטען: „האַלבע געטער" און

„פאלקאמענע געטער“.—אלע זאכען, וועלכע דער מענש בעגעגענט אין דער נאטור, קענען זיין אייגענטליך אין דריי טיילען: 1) גרייפבארע זאכען: ביינער, שטיינער, שטיקלעך האלץ און בכלל זאכען, וועלכע דער מענש קען ארומנעהמען מיט זיינע הענד; 2) האלבגרייפבארע זאכען: בערג, פעלזען, טייכען—בכלל זאכען, וועלכע דער מענש קען מיט זיינע הענד ניט ארומנעהמען, און 3) אונגרייפבארע זאכען: דער הימעל, די ערד, די זון, דער מארגענשטערן—זאכען, וועלכע דער מענש קען נאר ארומנעהמען מיט זיין אויג אבער ניט מיט די הענד. וועלכע זאכען פון דיזע דריי פערשידענע ארטען האבען אין דער צייט פון „נאטור-רעליגיאן“ געדינט אלס געטער?—ווען דער מענש פערגעטערט גרייפבארע זאכען (שטיינער, ביינער, שטיקלעך האלץ א. ד. ג.), זענען דיזע זאכען ניט קיין געטער, נאר איינפאכע „פעטישען“, און מ. מילער ערקלערט, אז קיין רעליגיאן בעשטעהט ניט פון ריינעם פעטישיזם. גלויבען אין פעטישען—דאס איז אזא נידעריגער צושטאנד, אויף וועלכען די מענשהייט בכלל איז קיין מאל ניט געשטאנען, און דער פעטישיזם—דארט וואו ער עקסיסטירט—האט זיך ענטוויקעלט שפעטער, ווען עס איז איינגעפיהרט געווארען שקלאפעריי, דורך וועלכע געוויסע שיכטען פון דער מענשהייט האבען אנגעווארען זייער מענשליכען אנבליק און זענען געווארען איינפאכע ארבייטענדע בהמות; אבער זייער רעליגיאן איז מעהר ניט ווי א טונקעלער שאטען פון דער אמת'ער רעליגיאן.

די „נאטור-רעליגיאן“ פון די פערצייטיגע דורות איז בעשטאנען אין דער פערגעטערונג פון האלב-גרייפבארע זאכען—גרויסע ביימער מיט דיקע צווייגען, וועלכע ווארפען אב פון זיך א ווייטען און דיקען שאטען; הויכע בערג, וועלכע גלענצען אויף דער זון מיט זייערע אייביגע שנעען; ברייטע טייכען, וועלכע ציהען זיך אויף א לאנגער שטרעקע און שפיגלען אב אין זייערע טיפע וואסערען דעם בלויען הימעל מיט די גלענצענדע שטערן—אזעלכע זאכען מאכען ענטציקט דעם מענשענס גייסט, דערוועקען ביי איהם א פאעטישען געפיהל און א שטרעבונג צו דער אונענדליכקייט; דער מענש זעהט אין זיי—אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען—א שטיקעל אונענדליכקייט, און דעריבער קוקט ער אויף דיזע זאכען ווי אויף האלבע געטהייטען. נאר נאך א טיפערען פאעטישען געפיהל דערוועקען ביים מענשען די אונגרייפבארע זאכען. די אונענדליכע בלאקייט פון הימעל, דער אונגעהייער ברייטער פלאך פון ים, דער העלער שיין

פון דער זון, דער פּראַכטיגער גלאַנץ פון דעם מאָרגענשטערן — דאָס אַלץ ציהט צו זיך צו דעם מענשענס בליק און לאָזט איהם אַריינדרינגען וויט—וויט אין דער טיעפער אונענדליכקייט, און דעריבער קוקט דער מענש אויף דיזע ערשיינונגען ווי אויף פאָלקאָמענע גאָטהייטען.

נאָר דאָ שטעלט זיך נאָך אַ פראַגע: אויב אין דער צייט פון דער „נאַטור־רעליגיאָן" האָט מען פערגעטערט דעם הימעל, די זון, די לבנה, בערג און טייכען מעהר ניט וויל דיזע זאַכען האָבען אַרויסגערופען ביים מענשען אַ פּאָעטישען געפיהל, און מיט זייער נאָמען האָט ער בעצייכענט די אונענדליכקייט, צו וועלכער ער האָט געשטרעבט, —פאַר וואָס־זשע האָט ער שטענדיג בעטראַכט דיזע זאַכען ווי מענשען מיט מענשליכע טהעטיגקייטען, און פאַר וואָס האָט ער געקוקט אויף זיי ווי אויף געוויסע פּערזאָנען מיט ליידענשאַפטען (תאוות) און קאַפּריזען פונקט ווי מענשען? פאַר וואָס האָט ער געקוקט אויף די שטורעמווינדען ווי אויף מוראדיגע מלחמות צווישען געטער; אויף די דונערען און בליצען— ווי אויף זייער שיסעריי מיט פייערדיגע פיילען; דער לויטערער, אויסגעשטערענטער הימעל— דאָס איז דער טויזענד־אויגענדיגער נאַכטוועכטער אַרגוס; דער העלער מאָרגענשטערען — דאָס איז די פּראַכטפאָלע געטין אַוראָראַ, וועלכע עפענט פאַנאַנדער די טויערען פון הימעל פאַר דעם ליכטיגען און שיינענדען גאָט אַפּאָלאָן? פון וואַנען האָבען זיך גענומען אין די פערצייטיגע דורות אַזעלכע פאָרשטעלונגען וועגען די געטער?

מ. מילער ערקלערט דיזען פאַקט דורך די בעזונדערע אייגענשאַפטען פון דער פערצייטיגער שפּראַך. דער פערצייטיגער מענש פלעגט דורך די אונפאָלקאָמענהייט פון זיין שפּראַך רעדען ווי פאַרשטעלט און, זאָגענדיג איין זאַך, פלעגט ער אונטער דעם גאָר מיינען גאָר אַנ'אַנדער זאַך. זאָגענדיג, צום ביישפּיל, „אַגני (דער פייער) האָט איינגעשלונגען זיינע ביידע עלטערען", האָט דער פערצייטיגער מענש פּשוט געמיינט דערמיט—דער פייער האָט פערברענט די צוויי שטעקלאַך, וועלכע מען האָט געריבען איינעם אָן דעם אַנדערען (אַמאָל פלעגט מען בעקומען פייער דורך דעם, וואָס מען פלעגט שטאַרק און גיך רייבען צוויי שטעקלאַך איינעם אָן דעם אַנדערען), —און די פערצייטיגע שפּראַך איז דורכאויס בעשטאַנען פון אַזעלכע אויסדרוקען. עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז די אויסגעהעניגסטע פאָרם ווירקט אויף דעם אינעווייניגסטען אינהאַלט און דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין די פערהעלטניסען פון שפּראַך צום געדאַנק: ווי

באַלד מען פלעגט אין די פערצייטיגע דורות רעדען וועגען אַלע ניט־לעבעדיגע זאַכען און ערשיינונגען פונקט ווי זיי וואָלטען געווען לעבעדיגע מענשען, האָט מען ביסלעכווייז־ביסלעכווייז אָנגעהויבען פאָרשטעלען זיך זיי אין געדאַנק אויך ווי לעבעדיגע פערזאָנען מיט מענשליכע טהעטיגקייטען, — און רעדען וועגען אַלע ניט־לעבעדיגע זאַכען פונקט ווי זיי וואָלטען געווען לעבעדיגע מענשען האָט מען אין די פאַרצייטיגע דורות געמוזט — דורך די אונפאָלקאָמהייט פון דער דאַמאָלסדיגער שפּראַך.

ווי אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען די מענשליכע שפּראַך און ווי איז געווען איהר פאָרם אין די ערשטע צייטען?

„די שפּראַך — זאָגט מ. מילער — ערשיינט צום ערשטען מאָל און הייבט זיך אָן צו ענטוויקלען דורך די מענשליכע טהעטיגקייט. ווען דער מענש שלאָגט, רייבט, שטויסט, וואַרפט, שנייט, פערבינדט א. ז. וו. לאָזט ער פון זיך אַרויס ווי ניט ווילענדיגערהייט געוויסע תנועות (הואיקען), וועלכע ער הייבט אָן ביסלעכווייז צו בעמערקען, איינהאַלטען זיי אין זכרון און אויסדריקען זיי אין דער צייט ווען ער וויל דערמאָנען זיינע חברים וועגען דעם אָדער יענעם מין אַרבייט".

„גאָר אין די ערשטע צייטען פלעגט מען מיט איינער און דעם זעלבער תנועה (זוואוק) אָנרופען ניט נאָר דעם מין טהעטיגקייט אַליין, וועלכע ער באַגלייט, נאָר אויך דעם מענשען, וועלכער האָט געאַרבייט, און די געצייג, מיט וועלכע ער האָט געאַרבייט". צום ביישפּיל: ווען די טהעטיגקייט „האַקען" ווערט בעגלייט מיט דער תנועה „האַק!", דאַן אין דיזע תנועה געווען אַ נאָמען אי פאַר דער טהעטיגקייט „האַקען", אי פאַר דעם מענשען, וועלכער האָט געהאַקט, אי פאַר די געצייג, מיט וועלכער ער האָט געהאַקט. „נאָר שפּעטער האָבען זיך פון איין תנועה אויסגעבילדעט עטליכע ווערטער, דורך וועלכע מען האָט שוין געקענט פינקטליכער אויסדריקען וואָס מען מיינט". אַזוי האָבען זיך אויסגעבילדעט ווערטער: „האַקען, „דער האַקער"; „שלאָגען", „דער שלאָגער"; „רייבען", „דער רייבער" א. ז. וו.

פאַר פערשיעדענע טהעטיגקייטען האָט אַלזאָ דער פערצייטיגער מענש געהאַט נעמען — און דאָס זענען געווען די תנועות, וועלכע זיי פלעגען אַרויסרופען; אָבער פאַר פערשיעדענע זאַכען (געגענשטאַנדען, פּרעדמעטען) האָט ער קיין בעזונדערע נעמען ניט געהאַט, און דעריבער פלעגט ער יעדע זאַך, סיי אַ לעבעדיגע סיי ניט קיין לעבעדיגע מוזען אָנרופען מיט דעם נאָמען פון איהר טהעטיגקייט אָדער פון דעם איינדרוק וואָס זי האָט אויף איהם געמאַכט: דער האַקער, דער שלאָגער, דער בעלייכטער א. ז. וו. צווישען דער שפּראַך פון פער-

צייטיגען מענשען און די היינטיגע שפּראַך ליגט אַלזאָ אַ גרויסער אונטערשיעד. אין היינטיגער שפּראַך איז יעדעס וואָרט מעהר ניט ווי אַ געוויסער צייכען, מיט וועלכען מען בעצייכענט די אָדער יענע זאַך, אָבער אין דער פערצייטיגער שפּראַך האָט יעדער נאָמען בעצייכענט ניט די זאַך גופא, נאָר אַ געוויסע אייגענשאַפט אָדער אַ געוויסע טהעטיגקייט פון דער זאַך, וועלכע האָט געמאַכט אויף דעם מענשען דעם אָדער יענעם איינדרוק. ביי די פאַרצייטיגע אַריער האָט זיך די זון גערופען מיט דעם נאָמען „דער דערוואַרמער"; דער מאָרגענשטערן — „דער דערוועקער"; דער דונער — „דער שרייער"; דער רעגען — „דער גיסער"; דער פייער — „דער לויפער" א. ז. וו.

די שפּראַך פון פערצייטיגען מענשען איז אַלזאָ געווען אַזוי, אַז ער פלעגט שטענדיג רעדען וועגען יעדער זאַך און וועגען יעדער ערשיינונג ווי וועגען אַ לעבעדיגע און טהעטיגע בעשעפעניש. דעם געדאַנק: „די זון איז דאָ" פלעגט ער אויסדריקען מיט די ווערטער: „דער דערוואַרמער אָטעמט"; „דער מאָרגענשטערן עקסיסטירט" — „דער וועקער וואַקסט"; „עס דונערט" — „דער שרייער שלאָגט"; „דער פייער איז פערלאָשען" — „דער לויפער איז געשטאָרבען". די פערצייטיגע שפּראַך האָט יעדע זאַך געמאַכט ניט נאָר לעבעדיג נאָר אויך טהעטיג און דאָס האָט ביסלעכוויי אויך געווירקט אויף דעם געדאַנק אַזוי, אַז דער מענש האָט אָנגעהויבען פאָרשטעלען זיך זיינע געמער — די ערשיינונגען פון דער נאַטור — ווי לעבעדיגע און טהעטיגע וועזענס.

די גאַנצע ענטוויקלונג פון דער רעליגיאָן קען זיין אַלזאָ איינגעטהיילט אין צוויי הויפּט-עפּאָכען. אין דעם ערשטען משך האָט געהערשט די „נאַטור-רעליגיאָן", ד. ה. די פערגעטערונג פון די ערשיינונגען פון דער נאַטור: די מענשהייט, זוכענדיג אויסצודריקען איהר רעליגיעזען געפיהל, ד. ה. בעצייכענען מיט אַ נאָמען דעם בעגריף פון אונענדליכקייט, האָט געמוזט — דורך די אונבאַהאָלקאָמענהייט פון דער פערצייטיגער שפּראַך — פערגעטערען בעשטימטע, עקסיסטירענדע זאַכען און ערשיינונגען, וועלכע מען קען זעהען און הערען. אין דעם צווייטען משך הערשט שוין די רעליגיאָן אין איהר „ריינער פאָרם"; — די מענשהייט איז שוין דערגאַנגען ביז אַזאַ הויכע שטופע, אַז זי זוכט שוין ניט קיין בעשטימטע מאַטעריאַלע פאָרם פאַר דעם

„אבסטראקטען בעגריף" פון אונענדליכקייט; זי האט די מעגליכקייט שארף אויסצודריקען איהר רעליגיעזען געפיהל, בעצייכענענדיג דאס מיט א'ן „אבסטראקטען נאמען", און דעריבער נויטיגט זי זיך שוין ניט צו קוקען אויף די ערשיינונגען פון דער נאטור ווי אויף געטער.

מ. מילער ערקלערט, אז דארט וואו די רעליגיאן האט עקסיסטירט אין איהר „ריינער פארם", ד. ה. אין דער שטרעבונג צו דער אונענדליכקייט (און ער ערקלערט, אז אזוי האט זי עקסיסטירט אומעטום און אין אלע צייטען אויסער ביי די פערשקלאפטע קלאסען און פערקנעכטעטע פעלקער), איז זי שטענדיג בעשטאנען אין דעם גלויבען אין „איין גאט", ווייל עס קען נאר געבען איין בעגריף פון איין אונענדליכקייט. דער אונטערשיעד צווישען די „נאטור־רעליגיאנען" און די רעליגיאנען אין זייער „ריינער פארם" בעשטעהט נאר אין דעם, וואס דער פערצייטיגער מענש פלעגט זיך זיין „איין גאט" גאנץ אפט בייטען: נעכטען האט ער איהם געזעהען אין הימעל, היינט אין דער פריה — אין מארגענשטערן, שפעטער אביסעל — אין דער זון און מארגען וועט ער איהם אפשר זעהען שוין אין שטורעמווינד און רעגען; פערקעהרט, אין די שפעטערדיגע דורות, ווען דער מענש האט שוין ניט געדארפט האבען קיין מאטעריאלע פארם, כדי איינצוויקלען דעם אבסטראקטען בעגריף פון אונענדליכקייט, איז שוין פאר איהם דער „איין גאט" שטענדיג געבליבען איינער און דער זעלביגער. אט דערפאר רופט אן מ. מילער די פערצייטיגע פארם פון רעליגיאן מיט דעם נאמען „העגאטעאיזם", ד. ה. דער גלויבען אין „איין גאט", וועלכען מען בייט אבער אום גאנץ אפט אויף אנ'אנדער גאט, און די שפעטערדיגע פארם פון רעליגיאן — „מאנאטעאיזם", ד. ה. דער גלויבען אין „איין איינציגען גאט", וועלכער בלייבט שטענדיג איינס און דער זעלבער.

אט אין דעם בעשטעהט אין אלגעמיין די בעריהמטע טהעאריע פון מ. מילער וועגען דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון רעליגיאן — די טהעאריע, וועלכע האט פון אלע זייטען ארויסגערופען הונדערטער ערווידערונגען. און אין דער אמת'ן, קען מען זיך דען פארשטעלען, אז דער פערצייטיגער ווילדער און אונוויסענדער מענש, וועלכער איז מערסטענטהיילס געוועזען הונגעריג און שוצלאז, געטרייסעלט זיך פון קעלט, ליגענדיג א נאקעטער און שמוציגער אויף דער קאלטער און פייכטער ערד, און האט קיין מאל ניט געהאט זיין איי־

גענעם ווילען און פרייען פערלאַנג, לעבענדיג אין אַ געזעלשאַפט, וועל-
כע איז געוועזן פאָלקאָם פערשקלאַפט פון דער נאַטור און! אימער איינ-
געקאָוועט אין דעם האַרטען קאָנסערוואַטיזם, — קען מען זיך דען פאָר-
שטעלען, אַז דיזער מענש איז געוועזן בעגייסטערט מיט טיעפע פּאָעטישע
געפיהלען און האָט געשטרעבט צו דער ווייטער אונענדליכקייט? ער-
שטענס קען זיך דאָס בשום אופן ניט לייגען אויף'ן שכל און צווייטענס
בעווייזט טאַקי די קולטור-געשיכטע ניט נאָר פון די ווילדע און באַרבאַ-
רישע פעלקער, נאָר אויך פון די „ציוויליזירטע" נאַציאָנען, אַז די רע-
ליגיאָן פון די בעדריקטע און פערקלעמטע פאָלקס-מאַסען איז גאַנץ
ווייט פון פּאָעטישע בעגייסטערונג און פון דעם געפיהל פון אונענדליכ-
קייט, און בעשטעהט נאָר פון אַנ'אַנדער זאַך.

נאָר מ. מיללער אַליין איז אויך איינשטימיג דערמיט, אַז די
רעליגיאָן בכלל האָט זיך ניט אָנגעהויבען פון דעם געפיהל פון פּאָעטי-
שע בעגייסטערונג און ענטציקונג, און דער פּאָעטישער עלעמענט
פון רעליגיאָן איז נישט האַראַקטעריסטיש פאַר אַלע מענשען. האַראַק-
טעריזירענדיג די ענטוויקלונג פון דער רעליגיאָן, בענוצט ער זיך אַלס
ביישפּיל מיט דער רעליגיאָן פון אינדיען און וועגען איהר זאָגט
ער פאָלגענדעס „קיין לאַנד גיט ניט אַזאַ טייערען מאַטעריאַל צו שטודירען
די פראַגע וועגען ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון רעליגיאָן — אַזוי ווי
אינדיען. דאָרט קען מען קלאָר זעהען ווי אַזוי ווערען געבאָרען גע-
וויסע רעליגיעזע געדאַנקען, ווי אַזוי בעקומען זיי קראַפט, ווי אַזוי
פערברייטערען זיי זיך און ווי אַזוי ענדערען זיי זיך. די הייליגע
ביכער פון אינדיען — דאָס איז דער איינציגער מאַטעריאַל, דורך
וועלכען מיר קענען דערלערנען, ווי אַזוי עס האָט זיך אויסגעבילדעט
און ענטוויקעלט ניט נאָר די אינדישע רעליגיאָן, נאָר ווי אַזוי עס ענטש-
שטעהט און ענטוויקעלט זיך יעדע רעליגיאָן בכלל". אָט דעריבער — זאָגט
ער ווייטער — בענוץ איך זיך מיט דער רעליגיאָן פון אינדיען צו בעַ-
גרינדען מיין אייגענע טהעאָריע וועגען דער ענטשטעהונג און ענט-
וויקלונג פון יעדער רעליגיאָן בכלל". אויף דעם האָט מען איהם געמאַכט
אַנ'ערווידערונג, אַז ניט דאָס גאַנצע אינדישע פאָלק האָט זיך אַרומ-
געטראָגען מיט אַזעלכע רעליגיעזע אידעען ווי ער שילדערט, און
אַז דער גרעסטער טייל פון דער אינדישער בעפעלקערונג האָט נאָר קיין
בעגריף ניט געהאַט וועגען די „הייליגע ביכער". דערויף האָט מ. מיל-
לער געענטפערט: נאָר די סודראַ'ס" (די בעלי-מלאכות און לוין-אַרביי-
טער) פלעגט מען ניט אַריינלאָזען אין טעמפּעל, בעת מען פלעגט
דאָרטען פאָרלייענען די „הייליגע ביכער"... אָבער דיזע סודראַ'ס זענען

געוועזן דער גרעסטער טייל בעפעלקערונג, זייער צאָהל האָט זיך גערעכענט *צעהנדליגער מיליאָנען*, און דערמאָנענדיג זיך נאָך אָן די *הונדערטער מיליאָנען* שוואַרצע „פּאַריאַ'ס", וועלכע מען פלעגט בעשטראָפען מיט'ן טויט ווען זיי פלעגען צוגעהען נאָהענט צו *אַ אינדישען* טעמפעל, — קען מען זעהען, אַז מ. *מילער* איז אויך אײַנשטימיג, אַז די רעליגיאָן, וועלכע ער האַראַקטעריזירט, איז געוועזן האַראַקטעריסטיש נאָר פאַר די *אויבערשטע* שיכטען פון אינדישען פאָלק, נאָר פאַר דער אינדישער *אַריסטאָקראַטיע*.

אָבער אויב אַזוי, אויב מ. *מילער* אַליין, רעדענדיג וועגען דער „מענשהײַט" בכלל, מיינט אומעטום נאָר די *אויבערשטע* שיכטען פון די פעלקער, נאָר די מענשליכע *אינטעליגענץ*, — קענען מיר מיט רעכט אָננעהמען זײַן טהעאָריע וועגען דעם אינהאַלט און ענטוויקלונג פון רעליגיאָן. די רעליגיאָנען פון די אויבערשטע שיכטען פון דער מענשהײַט זענען טאַקי אימער דורכגעדרונגען מיט אַ טיפען פּאָעטישען געפיהל, מיט אַ שטרעבונג צו דער אונענדליכקײַט, און אין זייער ענטוויקלונג זענען זיי געגאַנגען פון „הענאָטעאיזם" צום „מאָנאָטעאיזם". נאָר אַזאַ אַרט רעליגיאָן האָט געקענט אַרויסרופען די זעלטענע גײַסטיגע און מאַטעריאַלע בעשאַפונגען פון אַלע צײַטען און עפּאָכען, מיט וועלכע די מענשהײַט האָט דעם פאָלקאָמענעם רעכט צו שטאָלצירען. ניט דער גלויבען אין גײַסטער און רוחות און ניט דער שרעק פאַר זיי האָט געקענט בעשאַפען אַזעלכע טיפע און פילאָזאָפישע אידעען פון *אינדיען*, אַזעלכע הויכע מאָראַלישע לעהרען פון „בודיזם", אַזעלכע פײַער־פלאַמענדע רעדען פון די אידישע נביאים, אַזאַ פּראַכטיגע פּאָעזיע, ווי די ווערק פון *האָמער* און *העזיאָד*, אַזעלכע זעלטענע געבײַדען און געמעלדען, ווי פון די קריסטליכע קינסטלער פון מיטעל־אַלטער! דאָס אַלץ איז בעשאַפען געוואָרען אויף דעם גרונט פון רעליגיאָן, אָבער פון אַזאַ רעליגיאָן, וועלכע איז געבויט אויף אַ טיפען פּאָעטישען געפיהל און איז דורכגעדרונגען מיט דער שטרעבונג צו דער אונענדליכקײַט — און דאָס איז די רעליגיאָן פון די אויבערשטע שיכטען פון דער מענשהײַט.

מיר דאַרפען אָבער דערבײַ ניט פערגעסען, אַז ניט אין דער שטרעבונג צו דער אונענדליכקײַט אַליין בעשטעהט די רעליגיאָן פון דער מענשליכער אינטעליגענץ. די שטרעבונג צו דער אונענדליכקײַט איז נאָר אַ געוויסער *עלעמענט* פון דער רעליגיאָן, אָבער בכלל דריקט זי זיך אויס אין *גאָטספאָרכטיגקײַט* און רעליגיעזען *גלויבען*. דער אַבסטראַקטער בעגריף פון אונענדליכקײַט איז נאָך

ניט קיין גאָט, ווייל „גאָט" איז אין דער פאָרשטעלונג פון גלויבענדען מענשען אַ בעשטימטער וועזען מיט געוויסע אייגענשאַפטען. די אייגענשאַפטען פון גאָט אין די פאָרשטעלונגען פון דער גלויבענדער אינטעליגענץ זענען אַלע מאָל געוועזען אונגעהויער בריט און טיעף: ער איז אונענדליך גרויס, פערשטאַנדיג, אַלמעכטיג, גערעכטיג און גוט, אָבער געוויסע אייגענשאַפטען מוז גאָט האָבען און דערמיט איז ער אַ בעשטימטער וועזען. ווען גאָט פערלירט אַלע דיזע מעלות און בלייבט נאָר אַ הוילער אַבסטראַקטער בעגריף פון אונענדליכקייט, העגען וועלכער מען ווייסט גאָר נישט צו זאָגען, — דאַן איז דאָס שוין ניט קיין גאָט און דאַן הערט אויף די רעליגיאָן צו עקזיסטירען.

* * *

איצט קען שוין זיין פאַר אונז מעגליך צו האַראַקטעריזירען אין אַלגעמיין די ענטוויקלונג פון רעליגיאָן.

די רעליגיאָן בכלל איז ניט געגרינדעט אויף דעם געפיהל פון שוואַכקייט, אָבהענגיגקייט, אונבעפרידיגטקייט — אַזוי ווי מ. מילער דריקט זיך אויס, און אַזאַ געפיהל קען זיין האַראַקטעריסטיש פאַר אַלע מענשען. אָבער עס איז לייכט צו פערשטעהען, אַז דער זאַטער און פרייער מענש פיהלט זיך „שוואַך", „אָבהענגיג" און „אונבעפרידיגט" גאָר אויף אַנ'אַנדער אופן איידער דער, ווער עס איז הונגעריג, אונטערדריקט און פערשקלאַפט און דעריבער איז שוין דער פונדאַמענט גופא, אויף וועלכען די רעליגיאָן איז געבויט, גאָר אַנ'אַנדערער ביי די פרייע און זאַטע אויבערשטע שיכטען פון דער מענשהייט, איידער ביי די אָרעמע, בעדריקטע און פערשקלאַפטע אונטערשטע שיכטען.

די רעליגיאָן פון די אונטערשטע שיכטען דריקט זיך אויס אין דער מורא און שרעק פאַר גאָט אָדער די געטער, וועלכע בעשטראָפען פאַר יעדע מינדסטע קלייניגקייט מיט די ערגסטע יסורים, פון „גיהנם", פון „חבוט הקבר", פון „כף־הקלע" א. ד. ג. וואָס מעהר דער מענש איז אונוויסענד און פערשקלאַפט, וואָס מעהר זיין לעבען איז אונפערזיכערט און וואָס מעהר ער פיהלט זיך דערשלאָגען און אָבהענגיג, — אַלץ מעהר ציטערט ער פאַר גאָט, אַלץ שטאַרקער גלויבט ער אין „יענער וועלט", וואו איהם שטעהט פאָר צו ליידען נאָך גרעסערע יסורים, און אַלץ מעהר איז ער פרום, פערשטעהענדיג אונטער

פֿרומקייט — די אָבהיטונג פֿון אַלע מינדסטע מנהגים און צערעמאָניעס, וואָס האָבען אין עצם קיין שום זינען ניט.

אין אַלגעמיין קען מען זאָגען, אַז דער רעליגיעזער גלויבען פֿון די פֿאָלקס־מאַסען שטעהט כמעט שטענדיג אין איין שטאַנד, און פֿון די אור־אַלטע דורות ביז די לעצטע צייטען איז ער שטענדיג דורכגעדרונגען מיט איינעם און דעם זעלבען פעטישיזם, פאָליטעאיזם און מאָנאָטעאיזם. די אורזאַכע דערפֿון איז — דער האַרטער קאָנסערוואַטיזם, וועלכער נעהמט זיך פֿון דער שקלאַפֿען־פּסיהאָלאָגיע פֿון די פֿאָלקס־מאַסען.

אין די פֿערצייטיגע דורות זענען די פֿאָלקס־מאַסען געוועזען פֿאָלגעדיגע שקלאַפֿען פֿון דער נאַטור. דאָס האָט געמאַכט די מענשליכע ווילדקייט און אונוויסענהייט און אַנדערש האָט ניט געקענט זיין. די נאַטור מיט איהר האַרטע, אונערבאַרימליכע שטענדיגקייט האָט געלערנט דעם פֿערצייטיגען מענשען צו זיין געדולדיג, און די שטענדיגע רעגעלמעסיגקייט און אונפֿערענדערונג אין איהרע ערשיינונגען האָבען איהם פֿון אָנהויב אָן אונטערגעוואָרפֿען אונטער דער אייזערנער מאַכט פֿון דער בלינדער געוואָהנהייט. די געוואָהנהייט, ד. ה., דער פֿערלאַנג צו פֿיהרען זיך אַזוי ווי די טאַטעס און זיידעס האָבען זיך געפֿיהרט, די פֿעראַכטונג פֿון יעדע נייע איינפֿיהרונג און דער האַס צו יעדער זאַך וואָס שמעקט מיט עטוואָס נייעס — אָט דאָס איז די הויפּט־ווירקונג וואָס די נאַטור מאַכט אויף די מענשען, וועלכע זענען אונטערגעוואָרפֿען אונטער איהר שטענדיגקייט און רעגעלמעסיגקייט, און דאָס איז די אינגעוועניגסטע פּסיהאָלאָגישע אורזאַכע פֿון דער מענשליכער שקלאַפֿעריי, אויף וועלכער עס גרינדעט זיך דער האַרטער קאָנסערוואַטיזם פֿון די פֿאָלקס־מאַסען.

און שפּעטער, ווען די פֿאָלקס־מאַסען זענען אונטער געפֿאַלען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די אויבערשטע שיכטען פֿון דער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָבען זיי אייביג געהאַלטען נאָך אין אַ ערגערע קנעכטשאַפֿט איידער אין די פֿריהערדיגע צייטען די נאַטור אַליין, פֿערשטעהט זיך, אַז די שקלאַפֿען־פּסיהאָלאָגיע פֿון די מאַסען האָט זיך גאַנץ ווייניג אומגעביטען — און דעריבער איז די גאַנצע ענטוויקלונג פֿון די רעליגיעזע אידעען ביי די פֿאָלקס־מאַסען בעשטאַנען מעהר ניט ווי אין דעם, וואָס די רעליגיאָן האָט אין זיך אָבגעשפּיגעלט די געזעלשאַפֿטליכע פֿערהעלטניסען פֿון דער מענשהייט; אויף וויפֿיעל דיזע פֿערהעלטניסען האָבען זיך געביטען, אויף אַזוי פֿיעל האָבען זיך אויך געביטען די רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען: די גייסטער און רוחות בלייבען אייביג איינע און

די זעלביגע און עס בײַטען זיך נאָר די בּ ע צ י ה ו נ ג ע ן צווישען זײ. — כּל־זמן עס האָט נאָר עקסיסטירט די פּאַרצײַטיגע ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע געזעלשאַפט, זענען אַלע גײַסטער און רוחות געווען צווישען זיך גלײַך און צווישען זײ איז ניט געווען קײן העכערע און ניעדעריגערע, מעכטיגע־רע און שוואַכערע געטער; שפּעטער, ווען עס האָט זיך אײַנגעאָרדענט די פּ אַ ט ר י אַ ר כ אַ ל ע געזעלשאַפט, האָט זיך צווישען די געטער, אויסגעבּילדעט אַ׳ן אַרבּײטס־טהײלונג און אַ סאָציאַלע און פּאָליטישע אונגלײַכהײט; נאָך שפּעטער, ווען עס האָבען זיך אויסגעבּילדעט בּעזונ־דערע פ ע ל ק ע ר און נ אַ צ י אָ נ ע ן, האָבען זיך אין הימעל אויסגעבּיל־דעט פיעל זעלבּסטשטענדיגע רעגירונגען און יעדע אונטער דער דעם־פּאָטישער מאַכט און הערשונג פון אײן הויפּט־גאָט, און לסוף — נאָך דער פאָרם פון דער ר ו י מ י ש ע ר מ ל ו כ ה צום ענדע פון אַלטערטהום און דעם אַלוועלטליכען קאַטוילוציזם פון מיטעלאַלטער — האָט זיך אין הימעל אויסגעבּילדעט אײן זעלבּסט־הערשענדע מלוכה אונטער דער מאַכט און הערשונג פון אײן אַלמעכטיגען גאָט. — די גײַסטער און רוחות ווי אויך די שרעק און מורא פאַר זײ זענען שטענדיג געבּליבּען אײנע און די זעלבּע, — און דאָס איז די רעליגיאָן פון די פ אָ ל ק ס־מ אַ־ס ע ן.

אַנדערש איז אָבּער דער ענטוויקלונגס־גאַנג פון די רעליגיעזע אידעען בּײַ די אויבּערשטע שיכטען פון דער מענשהײט, בּײַ דער מענשליכער אינטעליגענץ. אויב פאַר די אונטערשטע פאָלקס־מאַסען בּעשטעהט דער עיקר פון רעליגיאָן אין „קולט״, אין גאָט־דיענסט, ד. ה. אין דעם אָבּהיטען אַלע מנהגים און צערעמאָניעס, וועלכע זענען פּער־הײליגט געוואָרען פון די אַלטע צײַטען — בּעשטעהט דער עיקר פון רעליגיאָן פאַר די אויבּערשטע שיכטען אין ל י ע ב ע צ ו ג אָ ט און אין דער שטרעבּונג צו אַלעס וואָס עס איז אונענדליך גרויס און הײליג. די פאָלקס־מאַסען זענען אין ריכטיגען זינען אַ בּ ע ר ג ל ו י ב י ש און ניט רעליגיעז; די גלויבּענדע אינטעליגענץ איז, פּערקעהרט, ר ע ל י ג י ע ז און ניט אַבּערגלויבּיש; די פאָלקס־מאַסען האָבּען שטענדיג געגלויבּט און ג ע פ אָ ל ג ט; פּערקעהרט, די אינטעליגענץ האָט אויך געגלויבּט אָבּער אײביג ג ע ד ע נ ק ט דערבּײַ — און דאָס איז געווען די אורזאַכע וואָס די ענטוויקלונג פון רעליגיאָן בּײַ די אויבּערשטע שיכטען איז גע־גאַנגען מיט אַ׳ן אַנדער ריכטונג.

די שטרעבּונג צו בּעגרײַפען דאָס אונבּעגרײַפליכע און צו זעהען דאָס אונזיכטבּאַרע האָט אין די פּאַרצײַטיגע דורות געצוואונגען די אויבּערשטע שיכטען פון דער מענשהײט צו זוכען די „גאָטהײט״ אין די

ערשײַנונגען פון דער נאַטור. דאָס איז געווען דער משך פון „נאַטור־רעליגיאָן" און דאַן האָט געהערשט דער „העניאָטעאיזם", ד. ה. דער גלויבען אין „איין גאָט", וועלכען מען האָט היינט געזעהן אין דער זון, אויף מאָרגען אין הימעל, שפּעטער אַ ביסעל אין שטורעם־ווינד און ז. וו. אין די שפּעטערע דורות האָט זיך די מענשליכע אינטעליגענץ אַזוי ווײַט ענטוויקעלט, אַז זי האָט שוין געקענט דענקען מיט רײנע אַבסטראַקטע בעגריפען, אָהן פאָרשטעלונגען פון מאַטעריעלע זאַכען און ערשײַנונגען, — און דאַן האָט זי זיך שוין ניט גענויטיגט צו זעהן די גאָטהייט אין די ערשײַנונגען פון דער נאַטור, נאָר גאָט האָט אָנגעהויבען פאַר איהר צו עקסיסטירען אַלס אַ רײנער אַבסטראַקטער בעגריף פון אײנענדליכקייט, און דאָס איז דער צווייטער משך, פון „מאָנאָטעאיזם" ד. ה. פון דעם גלויבען אין „איין אײנציגען גאָט".

עס פערשטעהט זיך אַז די אויבערשטע שיכטען פון פאָלק, אויף וויפיעל זיי זאָלען ניט זײַן אונגעהויער ווײַט פון די אונטערשטע שיכטען דורך זייער בעזונדערען אַרט לעבען און טהעטיגקייט, דאָך זענען זיי ניט אָבגעטהיילט פון די פאָלקס־מאַסען מיט אַ פעסטער און דיקער וואַנד. זיי זענען שטענדיג מעהר אָדער וועניגער אויסגעמישט און ווירקען אײנע אויף די אַנדערע, — און דערפאַר זעהען מיר טאַקי בײַ די פאָלקס־מאַסען צווישען אַלע זייערע אַבערגלויבישע פאָרשטעלונגען וועגען די גײַסטער און רוחות אויך שטיקלאַך און בריקלאַך פון העכערע רעליגיעזע אידעען, וועלכע זיי האַפען אונטער פון דער גלויבענדער אינטעליגענץ, און — פערקעהרט — אין די רעליגיעזע אידעען פון דער אינטעליגענץ זעהען מיר אָפט די אָבשפּיגלונג פון די אַבערגלויבונגען פון די פאָלקס־מאַסען — אָבער בכלל קען מען מיט פאָלקאָמען רעכט זאָגען, אַז דער גרונד, אויף וועלכען די רעליגיאָן איז געבויט, איז גאָר אַ'ן אַנדערער בײַ די אויבערשטע שיכטען פון פאָלק, איידער בײַ די אונטערשטע שיכטען, און דעריבער איז די ענטוויקלונג פון רעליגיאָן בײַ דיזע בעזונדערע שיכטען געגאַנגען גאָר אין אַנדערע ריכטונגען.

די ענטוויקלונג פון רעליגיאָן בײַ דער מענשליכער אינטעליגענץ האָט זיך אויף דעם „מאָנאָטעאיזם" אויך ניט אָבגעשטעלט. די אינטעליגענץ האָט שטענדיג געדענקט, נאָכגעפאָרשט און געלערנט. די ענטוויקלונג פון די געזעלשאַפטליכע פערהעלטניסען, די פאָדערונגען פון פּראָדוקציאָן און האַנדעל און די ליבע צו דענקען און פאָרשען פון די געבילדעטע שיכטען האָבען אַלץ ווײַטער און ווײַטער געטריבען דעם פּראָגרעס פון דער וויסענשאַפט און

פִילאָזאָפִיע, וועלכע זענען, זעלבסטפערשטענדליך, שטענדיג פער־
בליבען פאַר אַ מאָנאָפּאָל פון דער אינטעליגענץ, — און דאָס
אַלעס האָט מיטגעווירקט אויף די רעליגיעזע אידעען אַזוי, אַז די רע־
ליגיאָן פון די אויבערשטע שיכטען איז דערגאַנגען ביז איהר איינענעם
גענענזאַץ, ד. ה., זי האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז אָבשטאַרבען.
„ווייסען“ און „גלויבען“ זענען צוויי גענענזאַצען, וועלכע קענען
קיין מאָל ניט געהן האַנד אין האַנד, און דאָרט וואו עס שטאַרקט
זיך די וויסענשאַפט מוז די רעליגיאָן ווערען אַלץ שוואַכער און
שוואַכער. די וויסענשאַפט ערקלערט אַלעס אויף אַ נאַטירליכען גאַנג
און דערלאָזט ניט וועלכע עס איז געטליכע אַריינמישונג אין די ערשיי־
נונגען פון נאַטור און לעבען, און די פילאָזאָפיע פון נייַנצענטען יאָהר
הונדערט (פייערבאַך) האָט דערוויזען אַזוי קלאָר ווי צוויי מאָל
צוויי איז פיער, אַז „גאָט“ מיט אַלע זיינע איינענשאַפטען איז מעהר
ניט, ווי אַ פאָרשטעלונג פון מענשען. דיזע מיינונג איז איצט אָנגענומען
כמעט פון אַלע געבילדעטע שיכטען פון דער מענשהייט און אויף
אַזאַ אופן איז די רעליגיאָן דערגאַנגען ביז איהר נאַטירליכען סוף,
ד. ה., ביז'ן טויט.

IV.

רעליגיאָן און סאָציאַליזם.

ווי האַלט עס מיט דער רעליגיאָן בכלל אין היינטיגער צייט? פאַר
די אויבערשטע שיכטען פון פאָלק, פאַר דער אינטעליגענץ איז
די רעליגיאָן שוין אָבגעשטאָרבען און האָט אָנגעוואָרען איהר הויפּט־
אינהאַלט, און נאָך מיט 60 יאָהר צוריק האָט מאַרקס געשריבען
וועגען דער רעליגיאָן פאָלגענדעס:

„אין דייטשלאַנד האָט זיך די קריטיק פון רעליגיאָן שוין גע־
ענדיגט, און די קריטיק פון רעליגיאָן איז דער אָנהויב פון יעדער
אַנדערער קריטיק.

„גלייך ווי עס ווערען פערשוואונדען די פאַלשע פאָרשטעלונגען
וועגען געטליכען לעבען אין הימעל — הויבען אויך אָן צו
פערשווינדען די פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגען מענשליכען לע־
בען אויף דער ערד. גלייך ווי דער מענש איבערצייגט זיך, אַז די
פאַנטאַסטישע ווירקליכקייט פון הימעל, וואו ער האָט געזוכט אַ אי־
בערמענשליכע קראַפט, איז מעהר ניט ווי דער אָבשיין פון זיין איי־
גענעם „איך“ — פערלירט ער אויך דעם לוסט צו זעהען מעהר ניט

זי זײַן מונקעלען שאָטען, מעהר ניט ווי אַ מענשליכען אָבשײַן פון דאָרטען, וואו ער זוכט און מוז זוכען זײַן אָמתע ווירקליכקײַט.

„די קריטיק פון רעליגיאָן גרינדעט זיך אויף דער מיינונג, אַז „דער מענש בעשאַפט די רעליגיאָן, און ניט די רעליגיאָן בעשאַפט דעם מענשען". אָבער „דער מענש" איז ניט קיין איינצעלנע, פאַר זיך אַליין אַנאָבגעזונדערטע בעשעפעניש. דער מענש — דאָס איז „די מענשליכע וועלט", ד. ה., די געזעלשאַפט, די מלוכה. אָט די מענשליכע געזעלשאַפט, די מלוכה, בעשאַפען די רעליגיאָן, וועלכע איז אין עצם אויך אַזוי פיעל אַ קאַפּויר־איבערגעקעהרטער וועלט־בעוואוסט־זיין, אויף ווי פיעל זיי אַליין זענען אַ קאַפּויר־איבער־געקעהרטע וועלט. די רעליגיאָן — דאָס איז די אַלגעמיינע טהעאָריע פון דיזער וועלט, די ערקלערונג פון אַלע איהרע פראַגען, די פּאָפּולערע פאָרם פון איהר דענקען; זי איז איהר גײַסטיגער האָנאָר, איהר התלהבות, איהר בעגײַסטערונג, איהר מאָראַלישע הסכמה, דער אַלגעמיינער גרונד פון איהר טרייסט און האָפנונג. דער קאַמפּף געגען דער רעליגיאָן איז אַלזאָ אין דער זעלבער צײַט אויך אַ קאַמפּף געגען דער וועלט, פון וועלכער דער גײַסטיגער גערוך — איז די רעליגיאָן.

„דער טרויעריגער צושטאַנד פון רעליגיאָן — איז פון איין זײַט אַן אויסדרוק פון טרויעריגען צושטאַנד פון דער ווירקליכקײַט און פון דער אַנדערער זײַט — אַ פּראָטעסט געגען דיזען טרויעריגען צושטאַנד. די רעליגיאָן — דאָס איז דער קרעכץ פון אַלץ וואָס איז אונטערדריקט, דאָס איז דער הערצליכער געפיהל פון דער האַרצ־לאָזער וועלט, דאָס איז דער גײַסטיגער עלעמענט פון די גײַסטלאָזע לעבענס־בעדינגונגען. זי מאַכט דעם פאָלק שכּור און שלעפערט איהם אײַן.

„אָבשאַפען די רעליגיאָן אַלס דעם פאַלשען גליק פון פאָלק, הייסט דאָס — פאָדערן זײַן אָמת'ן גליק. די פאָדערונג אָבצושאַפען די פוסטע הלומות וועגען דער אייגענער לאַגע, איז די פאָדערונג — פטור צו ווערען בכלל פון אַזאַ לאַגע, וועלכע נויטיגט זיך אין פוסטע הלומות. די קריטיק פון רעליגיאָן איז אַלזאָ דער אָנהייב קריטיק פון יענעם „יאָמער־טהאָל", בײַ וועלכען דער הייליגער שײַנענדער גלאַנץ איז די רעליגיאָן.

„אָבער די קריטיק האָט אַראָבגעריסען פון די קייטען די פאַנ־טאַסטישע בלומען, וועלכע האָבען זיי געציערט, ניט צוליעב דעם, אַז די מענשהײַט זאָל טראָגען איהרע קייטען אין זייער אײַנפאַכען, טרויעריגען אויסזעהען: אָהן פאַנטאַזיע, אָהן טרייסט און אָהן פרייד.

זײַן, די פֿאַנטאַסטישע בלומען װעגען אַראָבגעריסען פֿון די קײטען, כּדי די מענשהײַט זאָל איהרע קײטען אין גאַנצען פֿון זיך אַראָבװאַרפֿען און זאָל אױסשטרעקען די האַנד נאָך אַ לעבעדיגען װירקליכען בלום. די קריטיק פֿון רעליגיאָן צושטערט דעם מענשענס נאַאיװע אײַנבילדונגען, כּדי ער זאָל מיט אַנ׳אמת דענקען און טהעטיג זײַן; כּדי ער זאָל בעשאַפֿען אַרום זיך אַזאַ װירקליכקײַט, װעלכע פּאַסט פֿאַר אַ מענשען, װאָס לעבט מיט׳ן קלאָרען פֿערשטאַנד; כּדי ער זאָל זיך דרעהען אַרום זײַן אמתער זון, אַרום זיך אַלײן. די רעליגיאָן איז אַ פֿאַנטאַסטישע זון, װעלכע דרעהט זיך נאָר ביז יענער צײַט אַרום דעם מענשען, כּל־זמן ער דרעהט זיך ניט אַרום זיך אַלײן.

„די אױפֿגאַבע פֿון דער היסטאָריע איז אַלזאָ איצט, װען די הימעלשע װאַהרהײַט איז פֿערשװאונדען געװאָרען, אײַנצופֿיהרען די װאַהרהײַט דאָ אױף דער ערד. די אױפֿגאַבע פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע, װעלכע איז די מיטהעלפֿערין פֿון דער היסטאָריע, נאָכדעם װי זי האָט צושטערט די הײליגע פֿאָרם פֿון מענשליכער שקלאַפֿערײַ, צושטערען איצט די גאַנצע מענשליכע שקלאַפֿערײַ, אױך אין איהרע ניט פֿערהײליגטע פֿאָרמען".

אַזױ האָט מאַרקס געשריבען נאָך אין 1844 יאָהר, און װירקליך, די קריטיק פֿון רעליגיאָן האָט זיך שױן לאַנג געענדיגט, די הימעלשע װאַרהײט איז בטל געװאָרען און די געטער װעגען שױן לאַנג פֿערשװאונדען. די װיסענשאַפֿט האָט שױן לאַנג פֿאַריאָגט יעדע געטליכע אַרײַנמישונג אין די ערשײַנונגען פֿון דער נאַטור, די פֿילאָזאָפֿיע האָט בעװיזען, אַז גאָט אין גאַנצען איז מעהר ניט װי אַ בעגריף פֿון מענשען, װעלכען ער האָט זיך אַלײן בעשאַפֿען, און די היסטאָריע בעװײַזט, אַז יעדע מענשליכע געזעלשאַפֿט בעשאַפֿט זיך איהר גאָט נאָך איהר פֿאָרם און געשטאַלט לױט דער ענטװיקלונגס־שטופֿע, אױף װעלכער זי שטעהט. אָט דאַריבער איז שױן איצט געקומען די צײַט, אַז דער מענש זאָל אַלײן אַ „גאָט" װערען, ד. ה. אַ פֿרײַער, זעלבסטשטענדיגער און דענקענדער װעזען. אָבער װאו איז פֿערשװאונדען די גאָטהײט און װאו איז אָבגעשטאָרבען די רעליגיאָן? — די רעליגיאָן איז אָבגעשטאָרבען נאָר בײַ די אױבערשטע שיכטען פֿון פֿאָלק, דאָרט װאו עס הערשט װיסענשאַפֿט און קריטיק, ד. ה. בײַ דער אינטעליגענץ, בײַ װעלכער די רעליגיאָן — אין דער צײַט װען זי האָט געלעבט — איז אױך געװען אײַנגעװיקעלט אין אַ שײנער און פּראַכטיגער פֿאָרם; אָבער זי לעבט נאָך און איז אונגעהױער

שטאַרק בײַ די ברייטע פאָלקס־מאַסען וואו קיין ווּיסענשאַפט און קיין קריטיק איז ניטאָ און וואו די רעליגיאָן האָט אייביג געטראָגען די פאָרם פון שקלאַפערײַ און אונטערדריקונג.

איינינגע ציפערן פון דער רעליגיאָן־סטאַטיסטיק קענען אונז בעווײַזען, אַז בײַ די פאָלקס־מאַסען האָט זיך די „קריטיק פון רעליגיאָן" ניט נאָר נאָך ניט געענדיגט, נאָר זי האָט זיך כמעט נאָך ניט אָנגע־הויבען.

אין רוסלאַנד איז אין 1890 יאָהר געוועזען די צאָהל פון קירכען, קלייסטערס, מעטשעטען און בתי־מדרשים — 88,628. די צאָהל פון גלחים, דיאַקאָנען און מאָנאַכען אין די קריסטליכע קירכען און קלויסטערס איז געוועזען — 165,614. דער פערמעגען פון די פּראַוואָ־סלאַוונע קירכען און קלויסטערס האָט בעטראָפען נאָך אין די 60־גער יאָהרען מעהר ווי 760 מיליאָנען רובל און אין היינטיגער צײַט איז דיזער פערמעגען נאָך פיעל גרעסער. דער בודזשעט פון „היילינגען סי־נאָד" איז אין יאָהר 1902 בעשטאַנען פון כמעט 29 מיל. רובל, און דער צײַט ווען דער בודזשעט פון מיניסטעריום פון פאָלקס־בילדונג איז בעשטאַנען בסך־הכל פון קנאַפע 37 מיליאָן רובל.

אין פראַנקרײַך איז כמעט די גאַנצע פאָלקס־בילדונג אין די הענד פון דער קירכע. אין יאָהר 1863 האָבען געדיענט אַלס לעהרער אין די פאָלקס־שוהלען 71,728 גלחים און מאָנאַשקעס. בײַ זיי האָבען זיך געלערנט 1,610,674 קינדער. אין יאָהר 1880 האָט זיך אין פראַנק־רײַך גערעכענט מעהר ווי 200,000 מאָנאַכען און מאָנאַשקעס, ניט רעכענדיג די גלחים. דער פערמעגען פון די רעליגיעזע אָרדענס און קאָנגרעגאַציעס, אויסער די קירכען און קלויסטערס, האָט בעטראָפען 712,538,980 פראַנק.

אין איטאַליען רעכענט זיך 67 גײַסטליכע אָרדענס מיט 2414 מאָנאַסטירען, וואו עס האַלטען זיך אויף צעהנדליג־טויזענדער מאָנאַכען און מאָנאַשקעס. אין יאָהר 1892 האָט די מלוכה קאָנפיסקירט אַ טהייל פון קירכליכען פערמעגען, וועלכער האָט בעטראָפען 734,100,000 לירעס*). די מלוכה צאָהלט אויס יעדען יאָהר די מאָנאַכען און די קאָנפיסקירטע קלויסטערס 6,700,000 לירעס, און אויסער דעם עקסיסטירט דאָרט אַ בעזונדער קירכליכער בודזשעט, וועלכער קאָסט די מלוכה נאָהענט פון 10 מיליאָן לירעס אַ יאָהר.

---

*) אַ איטאַליענישע „לירע" איז די זעלבינגע מטבע ווי אַ פראַנצויזי־שער „פראַנק" און בעטרעפט נאָהענט פון 40 קאָפּ'.

אַזוי קומט אויך פאָר אין דייטשלאַנד, עסטרייך, בעלגיען און בכלל אין אַלע לענדער און מדינות פון דער גאַנצער וועלט, און דאָס בעווייזט, ווי שטאַרק עס איז נאָך די רעליגיאָן און וואָס פאַר אַ׳נ אונגעהויערע ווירקונג זי האָט נאָך אויף די ברייטע פאָלקס־מאַסען.

און דאָך, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די רעליגיאָן האַלט זיך נאָך אַזוי שטאַרק אין די ברייטע פאָלקס־מאַסען, מוז מען זאָגען, אַז איהר לאַגע בכלל אין היינטיגער צייט איז זעהר קלעגליך און טרויעריג. אָנהערענדיג די אינטעליגענץ, ד. ה. יענע שיכטען מענשען, ביי וועלכע זי פלעגט זיך שטענדיג אויסדריקען אין אַ פּאָעטישער התלהבות פון דער רעליגיעזער פאַנטאַזיע, אין אַ טיעפע, ריינע און אמת׳ע נאַטור־פאָרכטיגקייט און אין אַ ניט אויפהערענדע שטרעבונג צו דעם וואָס עס איז אונענדליך און געטליך — אָנהערענדיג דאָס, האָט די רעליגיאָן אָנגעוואָרען איהר הויפּט־אינהאַלט, פאַר וועלכען אַפילו פריינינגע דענקער האָבען איהר געשעצט און טייער געהאַלטען.

אין דער צייט פון מיטעלאַלטער האָט די אינטעליגענץ פון יעדען פאָלק געלעבט אין דער רעליגיאָן, מיט דער רעליגיאָן און צוליעב דער רעליגיאָן. די וויסענשאַפט איז געהען דורכגעדרונגען מיט דער טעאָלאָגיע; די געלערנטע און פילאָזאָפען האָבען זיך מעהרסטענטהיילס בעשעפטיגט מיט די רעליגיעזע פראַגען; די קינסטלער האָבען שטענדיג געשאַפען פאַר דער קירכע און דעם שטאָף פאַר זייער געניאַלע בעגייסטערונג האָבען זיי שטענדיג געשעפט פון דער רעליגיאָן; מיט איין וואָרט, די רעליגיאָן איז דאַמאָלסט געווען דער איינציגער גרונד פון דעם אַלגעמיינעם גייסטיגען לעבען. עס פערשטעהט זיך, אַז די רעליגיעזע אידעען פון דער אינטעליגענץ זענען אויך דאַמאָלסט געווען אונגעהויער ווייט און פרעמד פון די רעליגיעזע אידעען פון די פאָלקס־מאַסען, אָבער דאָס איינציגע וואָרט „רעליגיאָן און גלויבען”, וועלכער איז אַלעמען גלייך געווען ליעב און טייער, האָט פעראייניגט דעם ווילדען, אונוויסענדען בויער מיט דעם געניאַלען, טיעפזיניגען דענקער, און דאַן, קען מען זאָגען, האָט די רעליגיאָן ווירקליך געלעבט און געבליט.

גאַנץ אַנדערש אָבער איז מיט דער רעליגיאָן אין היינטיגער צייט, ווען כמעט דאָס גאַנצע גייסטיגע לעבען פון דער מענשהייט האָט זיך דערווייטערט פון הימעל און איז געוואָרען וועלטליך. די רעליגיאָן איז שוין לאַנג אַרויסגעטריבען פון דער וויסענשאַפט, זי האָט אויפגעהערט צו דיענען אַלס דער קוואַל פון דענקען פאַר די פילאָזאָפען און שפּיעלט שוין גאָר אַ קנאַפּע ראָליע אין דער שאַפענדער בעגייסטערונג פון די קינסטלער. דאָרט וואו עס זעהט זיך נאָר אַ סמן

פון גײַסטיגען לעבען, וואו עס לעבט דער קריטישער געדאַנק און די שטרעבונג צו פרײַהייט, — דאָרט בעטראַכט מען די רעליגיאָן ווי אַ האַרטען, אָבער שוין איבערגעקומענעם הלום. איצט הערשט נאָר די רעליגיאָן פון די אונוויסענדע פאָלקס־מאַסען, אָבער דאָס איז אייגענטליך אַזאַ רעליגיאָן, וועלכע גיסט ניט אָן די הערצער מיט וואַרעמע געפיהלען פון ריינעם און טיעפען גלויבען, נאָר וועלכע דריקט אויף'ן קאָפּ מיט אַנ'אונגעהויערע שווערינקייט און האַלט זיך נאָר צוליעב דער אַלטער, פערשטיינערטער געוואָהנהייט. די פאַנטאַסטישע בלומען, וועלכע האָבען בעפוצט די שווערע קייטען — ווי מאַרקס דריקט זיך אויס — זענען שוין לאַנג אַראָבגעפאַלען, און איצט בליקען אַרויס דיזע קייטען אין זייער איינפאַכען, שווערען און דריקענדען אויסזעהען.

קען מען אָבער זאָגען, אַז די רעליגיאָן פון די פאָלקס־מאַסען שטעהט אַלץ אין איין שטאַנד און ווערט ניט אָבגעשוואַכט? — דאָס וועט אויך זיין ניט ריכטיג, און איין קורצער בליק אין דער היסטאָריע וועט אונז בעווייזען, אַז אין היינטיגע צייט שפּיעלט די רעליגיאָן שוין גאָר ניט יענע ראָליע וואָס זי האָט געשפּיעלט אַמאָל.

די אָרגאַניזאַציאָן פון די מלוכות פון די פאַרצײַטיגע פעלקער, בײַ זייער אַרײַנטרעטען אין משך פון ציוויליזאַציע, האָט כמעט אומעטום געטראָגען די פאָרם פון „טעאָקראַטיע", ד. ה. די מלוכה איז געווען געגרינדעט אונטער דער הערשאַפט פון כהנים־קלאַס און די גאַנצע געזעצגעבונג פון לאַנד איז געווען אין נאָמען פון דער רעליגיאָן. די אידען און עגיפּטער, די אינדיאַנער און פּערסיער, די גריכען און עפּיאָפּיער, די מעקסיקאַנער און פּערואַניאַנער האָבען זיך אויף די ערשטע צײַטען אָרגאַניזירט אין טעאָקראַטישע מלוכות, האָבען אויסגעבילדעט דאָס וואָס עס רופט זיך אין תנ"ך „ממלכת כהנים", ד. ה. די הערשאַפט פון פּריסטער־קלאַס, און האָבען געגלויבט, אַז אַלע געזעטצען פון זייער לאַנד, פון דעם וויכטיגסטען ביז דעם קלענסטען, האָבען ניט זיי אַליין בעשאַפען און אויסגעאַרבייט, נאָר גאָט אַליין האָט זיי מונדליך איבערגעגעבען צו זיינע געליעבטע כהנים און נביאים, וועלכע האָבען זיי פערשריעבען אין די „הייליגע ביכער". עס פערשטעהט זיך, אַז אַלע געזעצען פון יענער צייט זענען געווען פאַרהייליגטע דינים, וועלכע מען טאָר קיינמאָל ניט אומבייטען, און קיין רעגירונג האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט דעם שטרענגסטען און האַרטסטען קאָנסערוואַטיזמוס אַזוי ווי די טעאָקראַטישע.

ווי האט זיך געלעבט דעם מענשען אונטער דער מאכט פון די טעאקראטישע רעגירונגען?

דער כאראקטעריסטישער סמן פון דער טעאקראטישער געזעצגעבונג בעשטעהט אין דעם, וואס זי דערשטיקט די פערזענליכע פרייהייט פון יעדען איינצעלנעם מענשען, נעהמט פון איהם אב זיין אייגענע „בחירה", זיין פרייען ווילען, און זעהט מיט אלע מעגליכקייטען, אז ער זאל נישט האבען קיין שום אינדיווידואליטעט, קיין שום פערזענליכקייט, נאר ער זאל זיין גענליך צו אלע אנדערע מענשען ווי מיט דעם ארט גלויבען און דענקען, אזוי אויך מיט זיינע פערזענליכע אויפפיהרונגען. די רעליגיאן בעגנוגענט זיך ניט דערמיט, וואס זי הייסט ליעב האבען גאט, זיין איבערגעגעבען צו דער געזעלשאפט, העלפען ארימע לייט און זארגען פאר יתומים און אלמנות; פאר איהר איז וועניג וואס זי הייסט ניט צו טהון דאס, וואס עס קען בריינגען א שאדען דעם מענשען אדער דער געזעלשאפט, ניט צו בעליידיגען דעם צווייטען און ניט אנריהרען דעם עהרענגעפיהל פון חבר; זי געהט פיעל ווייטער און מישט זיך אריין אין יעדען קלענסטען פאקט פון מענשליכען לעבען — ווי זאל ער שלאפען, ווי זאל ער אויפשטעהען, ווי זאל ער זיך וואשען, ווי זאל ער זיך אנטהון, פון וועלכען שטאף זאלען זיין די קליידער, ווי זאל ער עסען, וואס מעג מען עסען, ווי פיעל מאל אין טאג זאל מען עסען א. ז. וו. א. ז. וו. — מיט איין ווארט, די הערשאפט פון דער רעליגיאן צושטערט די גאנצע פערזענליכקייט פון מענשען און מאכט פון איהם א מין מאשינע, פון וועלכער יעדער ריהר און יעדע בעוועגונג איז פאראויס פונקטליך אויסגערעכענט.

געהן נאך ביישפיעלען איז פאר אונז גאר ניט וויט. דער וואס האט געלערנט „חומש" קען ארויסזעהען ווי וויט „תורת משה" האט פערזארגט יעדען קלענסטען פאקט פון דעם דאמאלסדיגען אידישען לעבען, ווי וויט זי האט פאראויס אנגעצייכענט יעדע מינדעסטע בעוועגונג פון מענשען. ניטא קיין איין ווינקעלע, וואו דער מענש זאל קענען אויסדריקען זיין פרייען ווילען, זיין פערזענליכען גוסט; ניטא קיין איין זייט פון לעבען, וואו ער זאל קענען ארויסווייזען זיין אייגענע אינציאטיווע.

דאס זעלבע איז אויך די רעליגיעזע געזעצגעבונג פון מאנו ביים אינדישען פאלק. גאנצע ביכער זענען פערשריבען מיט דינים ווי דער מענש דארף עסען, טרינקען, קליידען זיך, — ווי ער דארף אכטונג געבען אויף זיין ריינקייט, ווי ער דארף וואשען די פיס, ווי ער דארף שערען די האר, שניידען די נעגעל, ווי פיעל מאל טובל

זיין זיך, ווען דארף ער זיך לעגען שלאפען און ווען אויפשטעהען. בעזונדערע דינים ווייזען אן ווי דער מענש דארף זיך היטען פון פייער, פון וואסער, ווי דארף ער זיך אויפפיהרען זייענדיג אין דערהיים, פארענדיג אין וועג און זיצענדיג אין דער פרעמד; ווידער אנדערע דינים ווי דארף מען זיך האלטען ביי דער אדער יענער ארבייט: ווי מען דארף זייען, שניידען, וועבען, נייען, גרעט וואשען א. ז. וו. נאך דינים ווי פיעל מען דארף בעצאהלען פאר דער אדער יענער ארט ארבייט, אין וועלכער צייט מען זאל דינגען א קעכין, ווי פיעל דארף מען צאהלען און ווי דארף מען בעהאנדלען א דינסט־מיידעל א. ז. וו.

„די קעניגען פון עגיפטען—זאגט דער גריכישער שרייבער דיאדאר פון סיציליען—האבען ניט געקענט קיין זאך טהון נאך זייער אייגענעם ווילען און פערלאנג, נאר אלע זייערע האנדלונגען זענען געווען פאראויס בעצייכענט אין די דינים פון די „הייליגע ביכער". אויפשטעהען האט דער קעניג געמוזט אלע טאג אין איינער אין דער זעלבער צייט, ניט פריהער און ניט שפעטער, און קודם כל האט ער געמוזט איבערלייענען די בעריכטען וועגען די פאסירונגען, וואס זענען פארגעקומען אין לאנד. דיזע בעריכטען האבען אלע טאג געמוזט זיין איינע אין די זעלבע צאהל, מיט איינער און דער זעלבער צאהל שורות און מיט איינער און דער זעלבער נוסחה געשרי־בען. איבערלייענענדיג צו א פאראויס בעשטימטער צייט די בעריכ־טען, דארף ער געהן אין באד, וואו ער מוז אבזיצען ביז די זון הייבט זיך אויף אויף א בעשטימטען טרעפ פון זון־זייגער; דאן דארף ער אנטהון זיינע „בגדי מלכות" וועלכע דארפען זיין פון א בעשטימטער שטאף און בעשטימטער פארם, און געהען ברייננען א קרבן צו די גע־טער. נאכדעם געהט ער עסען—און דא איז ווידער א גאנץ בעזונ־דער בוך פון דינים, וועלכע מאכלים זאל ער עסען, ווי פיעל וויין זאל ער טרינקען, ווי פיעל קנעכט זאלען איהם בעדינען ביי'ם עסען, וואס זאל טהון יעדער קנעכט, ווי פיעל מאל דארף ער וואשען די הענד ביי'ם עסען א. ז. וו. א. ז. וו. אזוי איז געווען פאראויס בע־צייכענט יעדער ריהר און יעדע בעוועגונג פון קעניג, אזוי אז זיין גוטסקייט און שלעכטסקייט איז אויך ניט געווען קיין אייגענע, נאר אלץ נאך'ן דין נאך.

מען קען ברייננען נאך פיעלע אזעלכע פאקטען צו האראקטע־ריזירען די טעאקראטישע רעגירונגען, און בכלל קען מען זאגען, אז די פערניכטונג פון יעדע פערזענליכקייט, פון יעדע פרייע איני־ציאטיווע פון מענשען—דאס איז די הויפט ווירקונג פון דער רעלי־

גיאָן אין דער צייט ווען זי הערשט אונבעגרענעצט אין דער געזעל־שאַפט.

מען דאַרף אָבער מודה זיין, אַז דיזער דעספּאָטיזם פון דער רעליגיאָן איז אין די קינדער־יאָהרען פון דער מענשהייט געווען אַ נויטיגע טרייבקראַפט אין דעם מענשליכען פּראָגרעס. אין דעם לאַנגען פּראָצעס פון ענטוויקלונג, אין וועלכען פרעמדע און אָבגעזונדערטע געמיינדעס האָבען זיך אַליך מעהר און מעהר צונויפגעשמאָלצען אין איין פאָלק און אויסגעאַרבייט איין נאַציאָנאַלע קולטור מיט איינע און די זעלבע געמיינשאַפטליכע אינטערעסען—איז געווען נויטיג אַ אונגעהויערע, שטאַרקע דיסציפּלין, כדי איבערצואַרבייטען די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פון די באַרבאַרישע וואַנדערענדע שבטים, איינצוהאַלטען זייערע קריגעריש ע און היבערישע אינסטינקטען און ענטוויקלען ביי זיי אַ פרידליכען סעדקעהר און צוזאַמענהאַנג—און אַזאַ דיסציפּלין האָט געקענט איינפיהרען נאָר דער שטאַרקער אַווטאָריטעט פון דער רעליגיאָן.

אָבער ניט אַלעס וואָס איז גוט פאַר אַ געוויסער צייט טויג פאַר אַלע מאָל, יעדע אידעע און יעדע געזעלשאַפטליכע איינאָרדנונג ווערט געבאָרען אין דער צייט, ווען די געזעלשאַפט נויטיגט זיך אין איהר, און דאַן איז זי זעהר פּראָגרעסיו און ברייננט דער מענשהייט אַ גרויסען נוטץ. אָבער דאָס לעבען איז שטענדיג מעהר פּראָגרעסיוו איידער די אידעען און די געזעלשאַפטליכע איינאָרדנונגען; עס געהט לאַנגזאַם פאָרוועדטס ביז עס דערגעהט צו אַזאַ שטופע, ווען די אידעע און די געזעלשאַפטליכע איינאָרדנונג, וועלכע די לעבענס־בעדינגונ־גען האָבען אַ מאָל אַרויסגערופען, פערבלייבען אַהינטער איהם און הערען אויף איהם צוצופּאַסען; דערפון, אָנשטאָט נוצליך — הייבען זיי אָן צו ווערען פאַר איהם שעדליך, און דאַן מוזען זיי בּיסלעכווייז אָבשטאַרבען ביז פון זיי בלייבט אין גאַנצען קיין זכר ניט.

די זעלבּיגע זאַך איז אויך פּאַסיקומען מיט דער רעליגיאָן. אין דער צייט ווען זי איז אַרויס אויף דער וועלט איז זי געווען אַ טייערע און נוצליכע זאַך פאַר דער מענשהייט און האָט פּיעל גע־דינט דעם מענשליכען פּראָגרעס. עס איז גענוג פאָרצושטעלען זיך די הילפלאָזע לאַגע פון פערצייטיגען מענשען, זיין אונפעריזכערטקייט און אונמעגליכקייט צו בעשיצען זיך אין מלחמה פאַר'ן לעבען, אום צו זעהען ווי גרויס איז געווען די הילף און די נוצען וואָס די רעליגיאָן האָט איהם געבראַכט. ער האָט אין יענער טרויעריגער צייט געקענט ביישטעהען געגען די שלעכטע אומשטאַנדען נאָר דורך דעם,

ווייל ער איז געוועזען טיף איבערצייגט, אַז דאָרטען ערגעץ עקסיסטירט *אַ גאָט*, אַ אונגעהויערע מאַכט, וועלכע האָט איהם ליב און בעשיצט איהם, און וועלכע ער קען אַלענפאַלס איבערבעטען מיט תפילות און קרבנות.

און אין די שפּעטערע דורות, ווען די מענשהייט האָט אָנגעהויבען אַריינטרעטען אין דער עפּאָכע פון ציוויליזאַציע און האָט אויף זיך געהאַט זעהר אַ שווערע אויפגאַבע צו אָרגאַניזירען פון די באַרבאַרישע שבטים און משפחות, גרויסע מלוכות און קולטורעלע נאַציאָנען, האָט אויף זיך די רעליגיאָן געמוזט נעהמען די געזעלשאַפטליכע אויפגאַבע צו *דיסציפּלינירען* די פעלקער, און דאָס האָט זי געקענט טהון נאָר דורך דער אַייזערנער מאַכט פון די *טעאָקראַטיען*.

פון יענער צייט איז שוין אָבער אַריבער הונדערטער און טויזענדער יאָהרען. די מענשהייט איז שוין לאַנג געוואָרען ציוויליזירט; די בעקעמפונג מיט דער נאַטור, מיט איהרע ערשיינונגען האָט געמאַכט אונגעהויערע פאָרטשריטען פּאָרווערטס, און דעריבער האָט די וויכטיגקייט פון דער רעליגיאָן און איהר נויטווענדיגקייט פאַר דעם מענשליכען לעבען אַלץ מעהר אָנגעהויבען אָבטרעטען צוריק. דער געפיהל פון *פערזענליכקייט* ביי יעדען איינצעלנעם מענשען און זיין פאָדערונג אויפצופיהרען זיך אין זיין פערזענליכען לעבען נאָך זיין אייגענעם שכל און פערשטאַנד האָט זיך שוין ווייט ענטוויקעלט, און דעריבער האָט די טעאָקראַטיע, די געזעלשאַפטליכע הערשונג פון דער רעליגיאָן, שוין געדאַרפט לאַנג אָבשטאַרבען און לאַנג אַראָבגעהען פון דער היסטאָרישער סצענע.

אָבער די טעאָקראַטיע, דער *קלעריקאַליזם* לעבט נאָך און האָט נאָך די גרעסטע ווירקונג אויף די פאָלקס-מאַסען. עס איז גענוג איבערצולייענען דעם „שלחן ערוך" אָדער דעם „חיי אָדם", נאָך וועלכע עס לעבען נאָך היינט מיליאָנען אידען, צו זעהען ווי איינגעשמידט זענען נאָך די פאָלקס-מאַסען אין טויזענדער דינים, וועלכע האָבען ניט קיין שום זינען, ווי אַכזריש די רעליגיאָן בעהאַנדעלט נאָך דעם מענשען און ווי דעספּאָטיש זי רעגולירט זיין מינדסטען שריט און טריט, פּונקט ווי ער וואָלט געוועזען אַ פּיטשינקע קינד אָהן שום שכל און פערשטאַנד, אָדער פּונקט ווי ער וואָלט געוועזען די ווילדסטע חיה, וועלכע מען מוז האַלטען אין אַ אייזערנע, שמאָלע שטייג, פערשמידט אין אייזערנע קייטען.

די מענשהייט ליידט אין היינטיגער צייט פון דער רעליגיאָן ניט דורך דעם, וואָס דער מענש גלויבט אין גאָט, טראָגט זיך אַרום מיט

רעליגיעזע פאַנטאַזיעס און טרייסט זיך מיט דער האָפנונג צו זיין גליקליך אויף „יענער וועלט“. ווען די רעליגיאָן איז נאָר אַ פּריוואַטער געפיהל און פאָרשטעלונג פון יעדען מענשען בעזונדער, דאַן ברייננט זי ניט קיין שום שאָדען און יעדער מענש האָט דאָס רעכט צו טרייסטען זיך מיט וואָס ער וויל. די שלעכטע זייט פון דער רעליגיאָן בעשטעהט דער עיקר אין דעם, וואָס זי שפּיעלט נאָך אַלץ אַ געזעלשאַפטליכע ראָלע, וואָס זי איז אָפיציעל, וואָס זי לעבט נאָך דער פאָרם פון „טעאָקראַטיע“ מיט איהר אַריינמישינג אין יעדען פּריוואַטען ווינקעלע פון לעבען, און דערמיט דריקט זי אויף יעדען מיט אַ אָנגעהויערע שווערקייט.

ווי זשע אָבער בעציהען זיך די פאָלקס-מאַסען פון היינטיגער צייט צו דיזער הערשענדער „טעאָקראַטיע“?

די פעלקער פון אייראָפּאַ האָבען איבערגעלעבט די עפּאָכע פון פעאָדאַליזם, די עפּאָכע פון דער בורזשואַזנער הערשאַפט און אין היינטיגער צייט האַלטען זיי שוין ביים אַריינטרעטען אין דער עפּאָכע פון סאָציאַליזם. די עפּאָכע פון פעאָדאַליזם — דאָס איז געוועזען די צייט, ווען די באַרבאַרישע גערמאַנישע, קעלטישע און סלאַווישע פעלקער און שבטים זענען אַריין אין צושטאַנד פון ציוויליזאַציע, אויסבילדענדיג גרויסע מלוכות מיט נאַציאָנאַלע קולטורען. דיזע עפּאָכע האָט געדויערט פיעל הונדערטער יאָהרען, און איינע פון זיינע האַראַקטעריסטישע סימנים איז די אַבסאָלוטע הערשונג פון דער רעליגיאָן, פון דעם דאָמעסדיגען קאַטוילציזם. יעדער ווייס וואָס פאַר אַ אומגעהויערע ראָליע די רעליגיאָן האָט געשפּילט אין דער צייט פון מיטעל-אַלטער און ווי נויטיג זי איז דאַן געוועזען פאַר דעם מענשליכען פּראָגרעס. די קאַטוילישע קירכע האָט אין יענער צייט ניט נאָר געהאַלטען פעסט אין איהרע אייזערנע הענד די ווילדע פעאָדאַלען, אויפהאַלטענדיג ביז אַ געוויסען גראַד זייערע רויבערישע אינסטינקטען, ניט נאָר זי האָט פעראייניגט אַלע עקאָנאָמיש און פּאָליטיש אָבגעזונדערטע געמיינדעס אין איין גייסטיגע קערפּערשאַפט מיט איינע און די זעלבע אידעאַלען און שטרעבונגען, נאָר זי האָט געשטופּט פאָרווערטס די ענטוויקלונג פון האַנדעל און פערקעהר און דורך דעם האָט זי מיטגעווירקט אויף דער ענטוויקלונג פון דער בורזשואַזיע מיט דעם גאַנצען אָנגעהויערען פּראָגרעס וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט.

אין דער צווייטער עפּאָכע, ווען די מאַכט אין דער געזעלשאַפט האָט בעקומען די בורזשואַזיע, וועלכע האָט אין גאַנצען אומגע-

ביטען אַלע פערהעלטניסען פון לעבען, אומענדערענדיג און ענטוויקלעדיג ביז דער העכסטער שטופע די פּראָדוקציאָן און דעם פערקעהר, דעם האַנדעל און קרעדיט, די וויסענשאַפט און טעכניק, — האָט די רעליגיאָן אָנגעוואָרען איהר אַמאָליגע בעדייטונג און די „טעאָקראַטיע", דער מיטעל־אַלטערליכער *קאַטויליציזם*, האָט אויפגעהערט צו שפּיעלען איהר פּראָגרעסיווע ראָליע אין לעבען. די טעאָקראַטיע צושטערט די פּערזענליכע פרייהייט פון מענשען און רעגולירט אַלע זיינע האַנדלונגען און בעציהונגען; דאָס איז אָבער געווען ניט פּאַסיג פאַר דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט געפאָדערט פרייען האַנדעל און פרייע קאָנקורענץ, אוך עריבער איז דיזע בורזשואַזיע אַרויס אין קאַמפף געגען דעם קלעריקאַליזם אין נאָמען פון „ליבעראַליזם", פון פרייען דענקען און האַנדלונגען און האָט אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן פּראָקלאַמירט, עפענטליך ערקלערט, אַז די רעליגיאָן איז נאָר אַ פּריוואַט־זאַך פון יעדען איינצעלנעם מענשען בעזונדער, און די קירכע קען קיין שום מאַכט אין דער מלוכה ניט האָבען. די מלוכה האָט דאַן קאָנפיסקירט דעם גאַנצען פערמעגען פון דער קירכע, אָבגענומען אַלע איהרע פּריווילעגיען און געמאַכט פון איהר מעהר ניט ווי אַ פּריוואַטען פעראיין פון גלויבענדע מענשען, פונקט אַזוי ווי אַנדערע פּריוואַטע פעראיינען, אין וועלכע יעדערער מעג גלויבען און אויספיהרען זיך אין זיין פערזענליכען לעבען אַזוי ווי ער וויל און פערשטעהט. אין יענער צייט איז די אַנטי־רעליגיעזע התלהבות געווען אַזוי גרויס, אַז די פּאַריזער בעפעלקערונג האָט זיך אין גאַנצען אָבגעזאָגט פון גאָט און פון קריסטענטום און האָט איינגעפיהרט (אויף אַ גאַנץ קורצער צייט) דעם קולט פון שכל און פערנונפט.

נאָר דאָס איז געווען מיט הונדערט יאָהר צוריק, ווען די בורזשואַזיע איז געווען בעגייסטערט מיט דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמפף געגען דעם פעאָדאַליזם און מיט די אידעען פון אמת'ן *ליבעראַליזם* ד. ה. פון אינדיווידועלע, פערזענליכע פרייהייט און אונאָבהענגיגקייט. אין היינטיגע צייט איז אָבער די בורזשואַזיע געוואָרען ניט קיין רעוואָלוציאָנערער, נאָר אַ רעאַקציאָנערער קלאַס; דער שרעק פאַר דעם קלאַסען־בעוואוסטען פּראָלעטאַריאַט און פאַר דער קומענדיגער סאָציאַלער רעוואָלוציע האָט געצוואונגען די בורזשואַזיע שלום צו מאַכען מיט דעם קלעריקאַליזם און נעהמען אויף זיך די בעשיצונג פון די אינטערעסען פון דער רעליגיאָן, ווייל דער פּריסטער־קלאַס, די גלחים און רבנים — דאָס איז דער בעסטער מיטעל אין די הענד פון דער בורזשואַזיע צו בעקעמפפען די אַרבייטער־בעוועגונג.

דר. *ליוטגענאו*

(„נאטירליכע און סאציאלע רעליגיאן") זאגט: „די ליבעראלע בורזשואזיע ציהט אויף זיך ווידער אן א מין רעליגיעזע פרומקייט. די אורזאכע דערפון ערקלערט די שטרענג רעליגיעזע „קרייץ-צייטונג" אין אנ'ארטיקעל פון 29-טען מאי 1891 יאהר מיט די פאלגענדע ווערטער. „די סאציאלע געפאר האט דעם ליבעראליזם געבראכט צום שכל און בעזונדערס די רייכע, וועלכע האבען אפילו נאך ניט פערלאשען זייער אנטי-רעליגיעזען געפיהל, אבער ער ווייזט זיך שוין ביי זיי ניט ארויס אזוי דעמאנסטראטיוו ווי א מאל. פערקעהרט, דער ליבעראליזם שטרעקט אויס אלץ מעהר די האנד צו די גייסטליכע (גלהים) און שטרעבט זיי איבערצוגעבען די אויפגאבע צו קעמפפען געגען דער סאציאל-דעמאקראטיע. די ליבעראלען זעגען ענדליך צום שכל געקומען צו פערשטעהען אז דער פאפסט קען זיין גוט און נוצליך"... און ז. וו.

די בורזשואזיע האט פערווארפען צוליב איהרע קלאסען-אינטערעסען איהרע אמאליגע רעוואלוציאנערע פרינציפען און איז געווארען רעאקציאנערער; אט דעריבער לעבט נאך די טעאקראטיע, די געזעלשאפטליכע מאכט פון דער רעליגיאן, און דינט אלס פונדאמענט פין יעדער רעאקציע. אבער גלייך מיט דער בורזשואזיע איז בעשאפען געווארען און ארויסגערופען געווארען צום לעבען נאך א נייער קלאס, איהר היפך, — דער פראלעטאריאט, וועלכער שטרעבט צו א נייעם אידעאל, צום סאציאליזם, און די ברייטע ארבייטער-מאסען, בעגייסטערטע פין זייער סאציאל-סטישען אידעאל, וועלכען זיי האבען אנגעשריבען אויף זייער רעוואלוציאנערע פאהן, זענען ארויס אין קאמפף געגען אלץ וואס איז רעאקציאנער און קאנסערוואטיוו, און עס פערשטעהט זיך, אז די טעאקראטיע מיט דער קירכע — דאס איז איינע פון זייערע בלוטיגסטע פיינד, מיט וועלכע זיי קעמפפען אויף לעבען און טוידט.

די פאלקס-מאסען אין זייער אנפיהרענדען טייל — דעם קלאסען-בעוואוסטען פראלעטאריאט — האבען אויך א מגעביטען זייערע בעציהונגען צו דער רעליגיאן. וואס מעהר עס ענטוויקעלט זיך די ארבייטער-בעוועגונג, אלץ מעהר ווערט ביי זיי אבגעשוואכט די מאכט און די ווירקונג פון דער טעאקראטיע, און די פערווירקליכונג פון דעם סאציאליזם — דאס איז די פערווירקליכונג פון יענער ארדנונג, ווען דער אונטערשיעד צווישען הערשער און בעהערשטע, צווישען פרייע און פערשקלאפטע, אין דערפין צווישען געבילדעטע און אונוויסענדע, וועט פערניכטעט ווערען; די אינטעליגענץ — דאס וועט

זײַן די גאַנצע מענשהייט בכלל און אַזוי ווי בײַ דער אינטעליגענץ פון הײַנטיגער צײַט איז די רעליגיאָן שוין אָבגעשטאָרבען, אַזוי וועט זי אויך מוזען אָבשטאַרבען בײַ דער גאַנצער מענשהײַט אין אַלגעמיין.

דער סאָציאַליזם איז אין פּרינציפּ געגען דער רעליגיאָן; אָבער ווי דאַרף זיך האַלטען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין איהר טאַקטיק, אַלס אַ פּאָליטישע פּאַרטײַ, בנוגע צו דער רעליגיאָן־פראַגע? ד. ה. צו דאַרף זי קעמפּפען געגען דער רעליגיאָן בכלל און געגען יעדע רעליגיעזע אידעע בפרט, צו—פערקעהרט—זי דאַרף זיך אין דער רעליגיאָן־פראַגע האַלטען נייטראַל, פון דער וויטענס, זי צו אַ זאַך וועלכע איז פּריוואַט און איז צו איהר, אַלס צו אַ פּאָליטישע פּאַרטײַ, ניט שייך?

דיזע פראַגע האָט אַרויסגערופען פיעל מחלוקות אין די רייהען פון די סאָציאַליסטען: איינע פאָדערען, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זאָלען דירעקט קעמפּפען געגען יעדער רעליגיאָן, אין וועלכער פאָרם זי זאָל ניט זײַן, און אַנדערע ערקלערען, אַז די רעליגיאָן איז אַ פּריוואַט־זאַך פון יעדען מענשען בעזונדער, און די סאָציאַליסטישע פּאַרטײַ האָט ניט צו קעמפּפען דירעקט געגען איהר.

די פראַנצויזישע בלאַנקיסטען האָבען אָנגעשריבען אויף זייער פאָהן, אַלס זייער סאָציאַליסטישען לאָזונג „ni dieu, ni maitre“ (ניט קיין גאָט און ניט קיין בעל־הבית); דערמיט האָבען זיי אַרײַנגעשטעלט אין זייער פּראָגראַם אַ פּונקט צו קעמפּפען געגען גאָט פּונקט ווי געגען פּריוואַט־אייגענטום; זיי זענען אָפען אַרויס אַלס אַ אַנטי־רעליגיעזע פּאַרטײַ, וואָס קיין גלויבענדער מענש קען אין איהר ניט אַרײַנטרעטען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט, פערקעהרט, ערקלערט אין איהר פּראָגראַם, אַז די רעליגיאָן איז אַ פּריוואַט־זאַך פון יעדען מענשען בעזונדער, וואָס איז צו איהר, אַלס צו אַ פּאָליטישע פּאַרטײַ, גאָר ניט שייך, און דעריבער קענען אין דער פּאַרטײַ אַרײַנטרעטען אויך מענשען, וועלכע גלויבען אין גאָט און זענען רעליגיעזע. וועמעס טאַקטיק איז ריכטיגער: די טאַקטיק פון די בלאַנקיסטען, צי—פערקעהרט—די טאַקטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען?

קיין פּאָליטישע פּאַרטײַ, וועלכע שטרעבט איבערצובויען די געזעלשאַפט, קען ניט קעמפּפען געגען גאָט, און ניט דערמיט וואָס דער מענש שטימט צו צו דער אָדער יענער פּראָגראַמע, וועט בײַ איהם אַרויסגעריסען פון האַרצען זײַנע רעליגיעזע געפיהלען. געגען גאָט און רעליגיאָן קען נאָר קעמפּפען די בילדונג און וויסענשאַפט, אָבער כל־זמן דער סאָציאַליזם איז נאָך ניט פערווירקליכט, קענען די

פאלקס-מאסען ניט בעקומען קיין געטינגע בילדונג און וויסענשאפט, און כל-זמן עס עקסיסטירט נאך די סיסטעמע פון לוין-ארבייט, ד. ה. פון ארעמקייט און שקלאפעריי, קען קיין רייד ניט זיין וועגען אמת'ע פאלקס-בילדונג, ווייל דער ארעמער, פערדוגגערטער ארבייטענדער פאלק האט ניט קיין צייט און ניט קיין מיטלען צו שטודירען וויסענשאפטליכע און פילאזאפישע פראגען. די רעליגיאן קען בעקעמפפט ווערען נאר דורך דער וויסענשאפט, אבער די וויסענשאפט וועט קענען ווייט אריינדרינגען אין די ברייטע פאלקס-מאסען נאר אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט, און דעריבער איז די ערשטע אויפגאבע פון דער היינטיגער צייט צו פערווירקליכען דעם סאציאליזם. דער סאציאליזם קען פערווירקליכט ווערען נאר דורך דעם פאלק און ניט דורך איינצעלנע געבילדעטע און קריטיש-דענקענדע פערזאנען און גרופען; אט דעריבער דארף די טאקטיק פון דער פארטיי זיין אזא, אז זי זאל האבען די מעגליכקייט וואס מעהר פאלקס-מאסען איינצושליסען אין זיך, כדי קודם-כל צו ערפילען די הויפט אויפגאבע פון דער היינטיגער צייט, ד. ה. פערווירקליכען דעם סאציאליזם.

ליבקנעכט ענדיגט איינע פון זיינע גלענצענדסטע רעדען מיט די פאלגענדע ווערטער: „דורך בילדונג צו פרייהייט!—דאס איז א פאלשער לאזונג, און אזוי שרייען אונזערע געגנער; אונזער לאזונג איז: „דורך פרייהייט צו בילדונג!” און ווי ריכטיג דיזע ווערטער זענען איז גאר ניט נויטיג צו ערקלערען. די בורזשואזנע ליבעראלען טענה'ן אין איין קול, אז פריהער דארף מען געבען דעם פאלק בילדונג און דערנאך וועט ער שוין אליין וויסען וואס צו טהון; אבער צו קען דאס פאלק אין די פערהעלטניסען, אין וועלכע עס לעבט איצט, צו קען עס בעקומען בילדונג, צו קען עס געניסען האטש עפעס וואס פון דער וויסענשאפט? געוויס ניט!

אט דעריבער איז די סאציאל-דעמאקראטיע פאלקאם גערעכט דערמיט, וואס זי דריקט אויס אפען אין איהר פראגראם, אז רעליגיאן איז א פריוואט-זאך פון יעדען איינצעלנעם מענשען בעזונדער. מיר רידען ניט אן די רעליגיעזע געפיהלען פון דעם ארעמען, אונוויסענדען מענשען, מיר טשעפען ניט זיינע פאנטאסטישע הלומות, מיט וועלכע ער טרייסט זיך אין זיין ביטערען עלענד; זאל ער נאר קומען צו אונז מיט דעם פערלאנג ארויסצווארפען פון זיך די שווערע קייטען פון דעם עקאנאמישען און פאליטישען יאך; מיר וועלען איהם אויפנעהמען מיט א פריינדליכען און ברידערליכען „ברוך-הבא” און וועלען צו איהם זאגען: מיר לאכען ניט פון דיין גלויבען אין גאט, מיר ווילען ניט בע-

ליידיגען דייַן רעליגיעזען געפיהל, ווייַל די רעליגיאָן איז דייַן פריוואַט־זאַך. מיר וועלען נאָר פון איהם פאָדערען ער זאָל פון זייַן זייַט קוקען אויף די „ניט־גלויביגע" ווי אויף זייער פריוואַט־זאַך, און דאָ ביי אונז, אין אונזער אינעוועניגסטע פראָפּאַגאַנדע, וועלען מיר איהם אַלץ מעהר און מעהר אויפקלערען די וואַרהייַטען פון דער וויסענשאַפט, וועלכע וועלען מיט אַנ׳אמת צושלאָגען זייַנע רעליגיעזע אַבערגלויבונגען.

אָבער אויב די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וויל ניט אָנריהרען און בעליידיגען דעם אינעוועניגסטען רעליגיעזען געפיהל פון מענשען, דערפאַר אָבער פיהרט זי אַ בלוטיגען קאַמפף מיט דער אָפיציעלער רעליגיאָן, מיט דער קירכע, וועלכע זיצט מיט איהר גאַנצע שווערקייַט אויף די פּלייצעס פון די אָרעמע פאָלקס־מאַסען און זויגט אויס דעם לעצטען מאַרך פון די ביינער. די פאָדערונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי אָבצוטיילען די קירכע פון דער מלוכה און בעפרייַען די בילדונג־שולען פון רעליגיעזע ערציהונג גיט אַ גרעסערען און ריכטיגערען קלאַפּ דער רעליגיאָן איידער די אַלע קולות ni dieu, ni maitre וועלכע בעליידיגען נאָר דעם געפיהל פון די אָרעמע רעליגיעזע מאַסען און דערלאָזען זיי ניט צושטעהען צו אונזערע רייהען קעמפּפען פאַר דער פרייַהייַט.

דורך פרייַהייַט צו בילדונג! — אָט דאָס איז אונזער לאָזונג. אין די ברייטע פאָלקס־מאַסען דאַרפען מיר אַגיטירען נאָר פאַר דער פרייַהייַט, ניט אָנריהרענדיג זייער רעליגיעזען געפיהל; אין קאַמפף פאַר דער פרייַהייַט קענען זייַן אונזערע חברים אויך „גלויביגע" מענשען, נאָר ניט קיין רעליגיעזע פאַנאַטיקער, פּונקט ווי מיר דאַרפען ניט זייַן קיין אַנטי־רעליגיעזע פאַנאַטיקער. נאָר גופא אין אינזער פאַרטיי, אין אונזער אינעוועניגסטער פּראָפּאַגאַנדע, מוזען מיר שטענדיג אויפקלערען אונזערע מאַסען די וואַרהייַטען פון דער וויסענשאַפט.

עס דרוקען זיך:

1) ק. מארקס און פר. ענגעלס—דער מאַניפֿעסט פֿון דער קאָמוּ־
ניסטישער פּאַרטיי

2) ד. פּינסקי—אין טשוגעים-הויז (מאָנאָלאָג)

3) ק. קאוטסקי—קלאַסען אינטערעסען

4) ק. קאוטסקי—פֿרידריך ענגעלס (לעבּענס בעשרייבונג)

5) ***—אַ מעשה פֿון פֿיער ברידער

6) ק. קאוטסקי—די סאָציאַלע רעפֿאָרמען און די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן

7) ק. קאוטסקי—אויף מאָרגען נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן

8) ***—צו דער געשיכטע פֿון דער בעלגישער אַרבייטער-בעוועגונג

9) פּאוּל לאַפאַרג—רעליגיאָן פֿון קאַפּיטאַל

10) מ. טערמאַן—רעליגיאָן און קלאַססען-געגענזאַטצען

11) א. טהון—די געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין
רוסלאַנד

12) פּאוּל לאַפאַרג—קאַרל מאַרקס. פּערזענליכע ערינערונגען

13) אנרו—די קרבנות פֿון דער קאָמונע

14) נעמאַינסקי—די פּאַריזער קאָמונע פֿון 1871 יאָהר

15) א. בעבעל—די פֿרוי און דער סאָציאַליזמוס

די אַדרעס פֿון פֿערלאַג:

Книгоиздательство „ДИ ВЕЛЬТЪ", Вильна.

פֿערלאג די װעלט:

Книгоиздательство „ДИ ВЕЛЬТЪ“

ВИЛЬНА.